Leben I

# לעבען

## העפטען פון צייט צו צייט
## פאר ליטעראטור
## קונסט און פובליציסטיק

אונטער דער רעדאקציע
פון **משה שאליט**

**9—10**

### א י נ ה א ל ט:


1) אנ—סקי׳ס דראמאטישע לעגענדע — מ. שאליט.
2 בריוו וועגען „דבוק״ — — — ש. אנ—סקי.
3) סדר פון „דבוק״ — — — — — — — — —
4) דער יידישער בינע=יום=טוב — ז. סעגאלאוויטש.
5) צווישען צוויי וועלטען — — ב. קארליניוס.
6) אנ—סקיס „דבוק״ — — — א. מארעוווסקי.
7) צו דער העברעאישער איבערזעצונג פון „דבוק״ — — — — — — — — ש. ל. ציטראן.
8) דער „דבוק״ אויף דער בינע — — מ. עלקין.
9) בילדער פון „דבוק״: א) פראלאג, ב) די דריי בטלנים, ג) חנן און הנך, ד) דער חתן מיטן מלמד, ה) לאה און פראדע, ו) ר׳ עזריאלקע מיראפאלער, ז—ח) חנן באווייזט זיך דער שטארבענדער לאה, ט) ר׳ עזריאלקע איז גוזר דעם דבוק ער זאל פארלאזן דעם גוף פון לאה, י) „פארשפעטיגט! ברוך דין אמת״.
10) נגונים פון „דבוק״: א) ערשטער רקוד, ב) צווייטער רקוד, ג) טויט=טאנץ.

11) די יונגע יידישע פאעזיע (מ. קולבאק; די אוקריינישע דיכטער) — — — — — — — יונה שפער.
12) פאלקלאר. דאס געוועט — — נח פריליצקי.
„ פון דער יידישער פאלקסשאפונג — — — — — — — — — — ש. באסטאמסקי.
13) א יונגער יידישער סקולפטאר — ד. ראזענהויז.
14) נייע ביכער. „ביים קוואל״—א. י. גאלדשמידט.
15) קינסטלערישע כראניק.


וועגען
**„דבוק״**
און אנדערע.


ווילנע—תרפ״א
1921.

# אנ-סקי'ס דראמאטישע לעגענדע.

פאר מיר ליגט א גרויסער בויגען פאפיר אויף איינצעלנע ליניעס פון דעם מין, אויף וועלכען אנ—סקי האט ליב געהאט צו שרייבען, און אויפן פאפיר איז אנגעהאנגען אייגענהאנטיג פון אנ—סקין מיט זיין געוויינליכער פינקטליכקייט און באטראכטונג א רשימה פון נעמען מיט א רעמארקע פון אויבען: „30 פערזאן. איינלאדען אויף די פארלעזונג פון מיין פיעסע".—

דאס האט אנ—סקי אליין צוגעגרייט די איינלאדונגען אויף די פארלעזונג פון „דבוק", וועלכער איז נאך דאן לגמרי ניט געווען באקאנט אין ווילנע.

די פארלעזונג איז פארגעקומען פרייטאג צו נאכט דעם 17-טען יאנואר 1919 אין יידישען קינסטלער-קלוב, וועלכען א. ווייטער און י. ראזענבוים האבען איינגעארדענט אויף פאהוליאנקע 15.

די, וואס זיינען אין משך פון דער אקופאציע געווען פון יענער זייט,—אין רוסלאנד,—האבען געהאט די געלעגענהייט צו באקאנען זיך מיט דעם ווערק אין רוסישען אדער יידישען אריגינאל אויך אויף פארלעזונגען, אדער אין ח. נ. ביאליקס קינסטלערישער העבראאישער איבערזעצונג אין ערשטען באנד פון „התקופה".

אין ווילנער קינסטלער-קלוב האט אנ—סקי געלייענט זיין ווערק אין יידישען אריגינאל כמעט אין זעלבען נוסח*), ווי ס'איז שפעטער ערשינען צום ערשטען מאל פון דרוק (ארויסגעגעבען אין ווילנע דורך אנ—סקיס פריינד אינזש. ישראל קוויאט אונטער דער אויפזיכט פון י. ראזענבוים. אנ-סקי אליין איז שוין דאן געווען אין אטוואצק),—און פאר דעם גרעסטען טייל אנוועזענדע איז דאס ווערק געווען לגמרי ניי.

אנ—סקיס לייענען גופא האט געמאכט דעם שטארקסטען רושם. די דראמאטישע לעגענדע, ווי אנ—סקי האט אנגערופען דעם „דבוק", האט אנטפלעקט א גאנצע וועלט פון אידעען און אן אמתען אוצר פון פאלקסטימליכקייט און האט אין איר דרייאיגען נאמען („צווישען צוויי וועלטען", „דער דבוק"—הוספה-ערקלערונג „דראמאטישע לעגענדע אין פיר אקטען") אליין בעצייכענט די גאנצע ווייטערדיגע אויסטייטשונג פון „דבוק" אלס סימבאליסטישע און רעאליסטישע ווערק, אלס מיסטעריע און זשאנר, אלס דיכטונג און אלטעגליכקייט און אויך דעם גאנצען ווייטערדיגען ויכוח וועגען דעם, ווי אזוי זאל דער „דבוק" געשטעלט ווערען אויף דער בינע,—אין סטיליזירטע פארמען, אדער אין געוויינליכע רעאליסטישע טענער, אדער גאר אין געמישטע.

שוין דאן אין די ויכוחים, נאכן לייענען, האבען זיך א גאנצע ריי רעדנער ארויסגעזאגט

---

*) איך זאג „כמעט", ווייל אייניגע שטעלען אדער אויסדרוקען האט אנ—סקי, אפנים, שפעטער אומגעביטען. אזוי, למשל, האט אנ—סקי געלייענט דעם באוואוסטען מיסטישען געזאנג „מחמת וואס" אויף אזא אופן:

„מחמת וואס איז די נשמה אראפ פון העכסטען הויך אין טיפסטען נידער. דאס פאלען טראגט דעם אויפקומען אין זיך".

געדרוקט איז:

„מחמת וואס, מחמת וואס איז די נשמה פון העכסטער הויך אראפ אין טיפסטען גרונט? דאס פאלען טראגט דעם אויפקומען אין זיך"...

אונז דוכט, אז דער ערשטער נוסח „פון העכסטען הויך אין טיפסטען נידער" איז שטארקער, טיפער און אריגינעלער פון דעם צווייטען, מער אזוי צו זאגען, פראזאאישען „פון העכסטער הויך אראפ אין טיפסטען גרונט".

אנ—סקי האט בכלל א סך מאל איבערגעאנדערשט דעם טעקסט פון „דבוק", מען קען זאגען ער האט אים עסדר קארעגירט. א פאר פראגמענטען פון „דבוק", וועלכע געפינען זיך ביי מיר אין אנ—סקיס מאנוסקריפט, ווייזען אויף אין פארגלייך מיטן געדרוקטען טעקסט ענדערונגען כמעט אין יעדער רעפליק.

וועגען „דבוק" אין לייענען פון אנ—סקין האב איך בשעת מעשה אפגעדרוקט אן ארטיקעל אין „לעצטע נייס" 1919, נומ' 17.

מ. ש.

אין דעם זין,-און ווען ש. ניגער און א. מארעווסקי האבען באטאנט, אז דער „דבוק“ איז א ריין־רעאליסטישע זאך, אן אמתער быт (אבער פון דער אמאליגער צייט), און זי קען גע־שטעלט ווערען נאר ווי א ריין־רעאליסטישע פיעסע, אז דאס איז א פיעסע פאר דער רעזשי, א פיעסע, וואס האט אייגענטליך ניט קיין ראלען און קיין צענטראלע ראל אויך ניט,—האבען אנ־דערע אנגעוויזען, פארקערט, אז די פיעסע דארף געשטעלט ווערען ווי א מיסטעריע, ווי א לעגענדע, ווי אן איבערזעצונג פון דער אלטעגליכקייט, ווי א גאנץ באזונדערע איטערפרעטאציע פון דעם „בייט“.

אלע זיינען, אבער, געווען אייניג אין דער מיינונג, אז דער „דבוק“ איז א קינסטלערישע ווערק פון דער גרעסטער באדייטונג, אז דער יידישער טעאטער דארף זיך לאנג, לאנג גרייטען אים צו שטעלען.

כמעט קיינער האט ניט געהאפט, אז דער „דבוק“ זאל האבען אן ערפאלג אויף דער בינע און איין סקעפטיקער האט בעזוכט אריבערצושטייגען דעם צווייטען. מען האט געקוקט אויפן „דבוק“ מער ווי אויף א פראבלעם פארן קינסטלערישען יידישען טעאטער, ווי אויף א פיעסע פארן עולם...

אנ—סקי האט אין זיין זעהר אינטערעסאנטען ענטפער איבערגעגעבען כאראקטעריסטישע פרטים, ווי אזוי מען האט פארשטאנען די פיעסע אין די מאסקווער קינסטלערישע און ארטיס־טישע קרייזען, ווי אזוי די רוסישע ארטיסטען האבען איר אויסגעטייטשט, אויסקלערענדיג דעם באגריף „בייט“ אין צוזאמענהאנג מיטן גלויבען און האט אויך אנגעוויזען, אז דער מאטעריאל פון דער פיעסע מאכט אויפמערקזאם אויף דעם רייכען קוואל פון יידישען פאלקלאר, וועלכער איז נאך ניט אנגעהויבען אויסגענוצט צו ווערען פאר דראמאטישע ווערק.

אנ—סקי איז אוועק פון אונז.

צו שלשים נאך זיין טויט האט דער „דבוק“ דערזען די בינע.

די ווילנער טרופע אין ווארשע, אין עליזעאום־טעאטער, האט מיט ליבע, התמדה און אומגעהויערער ענערגיע, אונטער דער קינסטלערישער הנהגה פון דוד הערמאן, באוויזען אין א אויסערגעוויינליך קורצען משך צייט דעם טיפסטען ווערק פון אונזער נייעם רעפערטואר, אנ—סקיס דראמאטישע לעגענדע—, באוויזען א טויזענט־קעפיגען עולם, וועלכער האט שוין ניט אויפ־געהערט צו באזוכען דעם טעאטער ביז אויף היינטיגען טאג. דער ערפאלג האט אריבערגעשטיגען די דרייסטעסטע ערווארטונגען,—און די סקעפטיקער זיינען געווארען אפטימיסטען.

וועלכע מאטיוען און טעמים מען זאל ניט ברייגגען, וועלכע ערקלערונגען מען זאל ניט פרובען אויסגעפינען,—ס'בלייבט א פאקט, אז דער עולם קען זיך ניט גענוג אנזעטיגען מיטן „דבוק“.

שוין העכער 125 מאל איז דער „דבוק“ געשטעלט געווארען אין ווארשע אליין, העכער 100 טויזענט מענשען האבען דעם „דבוק“ געזען,—אן אמת'ע נייע תקופה אין יידישען טעאטער. און מען שטעלט דעם „דבוק“ אין לאדז, מען שטעלט אים אין דער פראווינץ, מען זינגט זיינע נגונים, מען וועבט אנ—סקיס לעגענדע אין דער טיפסטער איבערלעבונג פון טויזענטער ערנסטע און אויפריכטיגע צושויער, מען האט געבראכט אין טעאטער דעם חסיד, מען האט אויפגערודערט די ליטערארישע, קינסטלערישע און געזעלשאפטליכע וועלט,—און ס'בלייבען נאך א סך ספקות, א סך ניט פארענטפערטע פראבלעמען, נייע זוכונגען און אומצופרידנקייט. דער יידישער טעאטער איז נאך אלץ ניטא...

דאס פראבלעם פון יידישען טעאטער איז שוין אבער פאראן.

און דאס דאזיגע פראבלעם האט באשאפען אנ—סקיס דראמאטישע לעגענדע.

אין מאסקווער קינסטלערישען טעאטער, אין הבימה העברית, אין די סטודיעס ווערט שוין יארען געשאפען אנ—סקיס קונסט־ווערק און ס'ווערען געזוכט,—ווי אנ—סקי האט זיך אויס־געדריקט אויף די שאלה און פארוואורף פון א צייט־פילאזאף: ווי שטעלט מען דאס א „דבוק“ אין אזוינע שטורמישע עפאכען,—די אייביגע וועגען פון קונסט.

די פיעטעט צו אנ—סקיס נאמען, דער אינערליכער ווערט פון זיין דראמאטישער לעגענדע, דאס אנערקענען די ארבעט פון דער ווילנער טרופע, דער ערפאלג און אומגעהויערע באדייטונג פון אנ—סקיס קונסט־ווערק, די ספקות און פראבלעמען, וואס עס רופט ארויס,—ס'מוז פארצייכנט ווערען, ס'מוז פארשריבען ווערען: אין ארטיקלען, אין נאטיצען, אין בריוו, אין בילדער, אין נאטען.

נאכן אנ—סקי־ביכל, וואס האט א גייסטיגע שייכות צו דעם איצטיגען העפט, מאכען מיר דעם ווייטערדיגען פרוב.

מ. שאליט.

# פון ש. אנסקי׳ס בריוו צו פרל׳ מאנאסזאן.*)

I.

מאָסקווע, דעם 30 דעצעמבער 1915.

...איך בין די גאַנצע צייט אין מאָסקווע. איך באַטייליג זיך אין צוזאַמענפאָר וועגען פאָלקסטעאַטער. אַ גראָהער עולם, ניט אויפריכטיגע, בלייכע רעדעס, הונדערט מאָל איבערגעחזרטע און הונדערט מאָל פארגעסענע. באַזונדערס אומאַנגענעם קלינגט זייער סאַנטימענטאַליטעט און זיסקייט. אויסער דעם צוזאַמענפאָר גייט אַריבער די צייט נודנע און אומעטיג.

מיט דער פיעסע קומט גאָרניט ניט אַרויס. דער רעזשיסער פון דער סטודיע (פון מאָסקווער קינסטלערישען טעאַטער. רעד.) סולערזשיצקי איז נערוועזקראַנק און פאָרט ערגעץ-וואו אַוועק אין אַ סאַנאַטאָריע און צו סטאַניסלאַווסקין איז שווערער צוצוקומען ווי צו אַ מיניסטער. דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך פאַרלאָרען דעם חשק צו גיין צו זיי. איך האָב ניט געוואוסט, אַז אויפן וועג צו דער סצענע דאַרף מען דורכגיין אַזוי פיל נידעריגקע טירעלעך. נו מילא, זאָל זיין אַזוי. אויב די פיעסע איז אַ גוטע, וועט מען איר שטעלען אין 50 יאָר אַרום אָן מיין מיטווירקונג און אויב אַ שלעכטע,—לוינט דאָך געוויס ניט צו עוסקן זיך מיט איר.

נאָר גאָט צו דאַנקען, מיר אינטערעסירט דאָס ווייניג. און ס׳איז שוין אַגב שפעטליך וועגען איר צו דאגהנען...

II.

מאָסקווע, 8 מאַרט 1918.

...מיטן קינסטלערישען טעאַטער איז ניט גוט. סטאַניסלאַווסקי איז קראַנק, ליגט. טשעכאָוו (אַרטיסט, פלימעניק פון אַנטאָן פּאַוולאָוויטש טשעכאָוו. רעד.) איז קראַנק, נערוועז-צושיטערט. איך בין געווען ביי אים נעכטען און האָב שיעור ניט געקענט, גיידאָט (אַרטיסט. רעד.) איז אויך קראַנק נערוועז. און אין דער סטודיע גייט די „צוועלפטע נאַכט" (שעקספירס. רעד) מיט אַ משונה-ווילדען פריילעכען טעמפּ.

מיין פיעסע איז ניט אַריינגענומען אין רעפּערטואַר פון היינטיגן סעזאָן. סושקעוויטש (רעזשיסער. רעד.) האָט דאָס מיר מודיע געווען כמעט מיט טרערען

*) ראָזאַ ניקאָלאַיעוונאַ מאָנאָסזאָן, אַנ—סקי׳ס נאָנטער און אינטימער פריינד, וועלכע ער דערמאָנט אין זיין צוואה (ז. „לעבען", אַנ—סקי-ביכעל, זייטעל 68), איז די טעג געווען אין ווילנע און האָט אונז פריינדליך איבערגעגעבען די שטעלען פון אַנ—סקיס בריוו צו איר, וואו ס׳רעדט זיך וועגען „דיבוק". די בריוו זיינען געשריבען אין רוסיש. מיר ברייננען דאָ די געהעריגע ערטער אין דער יודישער איבערזעצונג.

רעד.

אין די אויגען. „אייער פיעסע געפעלט אונז אלעמען זעהר, מיר האבען זיך איינגעלעבט מיט איר. אבער ווען ס'האט זיך געשטעלט די פראגע וועגען אויס-פירען איר איצט,—האבען מיר זיך ניט אנטשלאסען. זי פאדערט אזא אנשטריינגונג, וועלכע מיר קענען איצט ניט געבען ביי אונזערע צושיטערטע נערוועז. איר האט געזען, וואס איז געווארען מיט טשעכאוו און גייראט. ס'זיינען שוין פאראן נאך קאנדידאטען. חוץ דעם, וועט דער עולם ביי דער איצטיגער אלגע-מיינער שטימונג ניט גיין איר קוקען. שוין צו שווער איז זי און גרויזאם. דער עולם וויל זיך איצט פארגעסען. דעריבער האבען מיר איר אפגעלייגט אויף דעם צווייטען סעזאן" *).

ס'איז טרויעריק, אבער צו ענטפערן איז ניטא וואס.

אין דער יידישער סטודיע (הבימה העברית. רעד.) וועלן זיך די טעג אנהויבן די רעפעטיציעס...**)

## III.

מאסקווע, 23 מארץ (5 אפריל) 1918.

...איך שרייב א גרויסע יידישע מעשה. אויב ס'וועט ארויס-געלונגען,—וועל איך אייך צושיקען. ווי ס'פארדריסט מיר, וואס איר קענט ניט העברעאיש: ביאליקס איבערזעצונג פון מיין פיעסע—איז אמת'ע מוזיק...

---

*) די ראָלען האבען געוואָלט שפילען: כמארא דעם צדיק, טשעכאָוו—משולח, סובאטשאָווא—לאה, גייראט—צדיק (דובליאר), רוסמיקיס—חנן. מ.

**) רעזשי פון וואכטאנגאוו, מוזיק פון ענגעל, דעקאראציעס פון שאגאל. די ראָלען: צמח—צדיק, אביבי—לאה, ארטיסטין מרים (אין גרים פון ספינאזא)—חנן.—פון 20 מערץ הייאר, נאך א צוגרייטונג, אלזא, אין משך פון דריי יאר, האבען זיך אנגעהויבען די גענעראל-רעפעטיציעס און די פיעסע האט געוואָלט געשטעלט ווערען די טעג, דהיינו ניט פריהער פון 20 אפריל 1921. מ.



# דער יידישער בינע־יום־טוב.

I.

א טעאטער ראַנגעלט זיך און זוכט און קריכט אויף די ווענט. אין משך פון א חודש שטעלט ער עטליכע פּרעמיערעס. עס גייט א מישמאַש: אַנדרעיעוו, שניצלער, פּרץ הירשביין, דימאוו, דרעיער. יעדע פּרעמיערע האַלט זיך עטליכע טעג און גייט אַוועק צוריק און לאָזט ניט איבער קיין רושם, קיין אָנדענקונג. די דירעקטאָרען זיינען פאַרצווייפעלט, די אַקטיאָרען הונגערען, דער עולם לאַנגווייליגט זיך.

מיט אַמאָל קומט א „שטיק" און גיט א בליץ ווי א פייער־ווערק און נעמט אָן דעם עולם, דעם גרויסען עולם פאַרן קאַרק און פירט אים אריין אין טעאַטער. נאַכט איין, נאַכט אויס, — דאָס טעאטער איז פול. ביי דער קאַסע שטייט מען אָפּ שעהנווייז, פון אַנדערע שטעט קומען אָן דעפּעשען, מען בעט בילעטען

אין שטאָט רעדט מען אומעטום פון דעם נייעם „שטיק". עס ריידען אַלע: דער זאַטער פּאַסקאַזש, דער אינטעליגענט, די אַסימילירטע פריילין; עס ריידען קריסטען, אַקטיאָרען פון דער פרעמדער בינע קומען אָנקוקען און זען צו מיר קענען עפּעס אויפטאָן, — זיי זיינען נאָך מער אַנטציקט פאַר אונז. ביי אונז זיינען שטימען פאַר און קעגען, פאַר זיי איז דאָ אַלץ שיין, רייפיג און אויסגעהאַלטען.

עס טומעלט די פּרעסע, מען שרייבט שווערע אַרטיקלען, וויציגע פעליעטאָנען, פאַראָדיעס. עס ציהען זיך חדשים, דאָס שטיק גייט שוין הונדערט מאָל און דער טעאטער איז אַלץ פול...

ווען אַזא ערפאָלג פאַלט אויס אויף א פלאַכען „שטיק" מיט א באַנאַלען אינהאַלט, מיט א גרויסער דאָזע מעלאָדראַמען, דעמאָלט זאָגט מען, אז די שטיק איז צוגעפּאַסט צום פלאַכען עולם, צו די פאָדערונגען פון דער מערהייט...

אין דעם פאַל איז דאָס אויסגעשלאָסען.

אַנסקיס „דבוק" איז א ווערק, א שאַפונג, אַן עסטעטישע ערשיינונג.

II.

אַן־סקי האָט אַרויסגענומען א הויפען גאָלדערנע רענדלעך און מינצען פון אונזער ניט אויסגעשעפּטען אוצר. אַן־סקי האָט אויסגעבלעטערט עטליכע ווייטלעך פון אונזער לעגענדען־בוך און האָט עס אַלץ אַריינגעפלאָכטען אין „דבוק".

איין [illegible] הירשביין רידט שוין אָן אין דער „פוסטער קרעטשמע" די יידישע [illegible] אַן־סקי אויסגעהויבען דעם [illegible] פון א יידישער פאַר[illegible] נאָך פריש מיט אונזער נעכטען, וואָס לויכט און בליצט אין [illegible] אונזער מאָרגען.

צו איז אַנ—סקי געווען באַזת אַ דראַמאַטורג? אויף דעם איז שווער צו ענט־פערען, הגם אין די ערשטע צוויי אַקטען זעען זיך ביי אים עכט סצענישע מאָ־מענטען, עס פילט זיך בינע־קענטעניש, נאָר אין דער אמתן איז געווען אַזוי: אַנ—סקי האָט אַ סך געזען, אַ סך געזאַמעלט פון אונזערע אוצרות און דאָס, וואָס עס האָט זיך אָנגעזאַמעלט אין אַ דיכטערס נשמה, האָט געמוזט געפינען דעם „תקון", און עס האָט זיך אַרויסגעזאָגט אין „דבוק".

ציימענווייז דאַכט זיך, אַז די גאַנצע געשיכטע מיט די פּאָר פאַרויבטע, איז אַנ—סקין נויטיג געווען בלויז צוליב די לעגעגדען, וואָס ער האָט אויף דער פּאַבולע אָנגעצויגען, אויפגעשפּונען...

אַנ—סקין איז זעהר שטאַרק געגאַנגען אין די שפּראַך־ווערטלעך, אין די נגונים, אין די מעשיות און לעגענדעס. פּונקט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז דאָס זאָל פאַרלאָרען גיין,— און דער „דבוק" איז געוואָרען זיין מוזעאום, זיין אייזערנער שראַנק, אין וועלכען ער האָט עס אַלץ פאַרשלאָסען און באַהאַלטען.

פאַראייביגט.

---

II.

אַנ—סקי האָט אויפגעבויט אַ בנין...

און דוד הערמאַן איז געקומען און האָט אין דעם בנין אַריינגעשטעלט קאָלירטע שייבעלעך.

און אָט צוליב די קאָלירטע שייבעלעך איז אין אונזער פרעסע אַנטשטאַנען אַ פיל־קרייציגער קריג, אַ פּאָלעמיק.

איז דען נויטיג געווען דער מיסטישער שלייער איבער דער זאַך?

אַ „שטיק", וואָס עס איז אַליין אויך פון זיך גענוג מיסטיש און פאַרבאָר־גען, אַ מעשה מיט אַ גלגול...

מען קאָן אָבער אויך זיכער זאָגען, אַז ווען ניט הערמאַנס בלויער שלייער וואָלט דער „דבוק" אַ סך פאַרלאָרען. די חתונה, די שול אויף דער סצענע איז ביי אונז שוין צופיל באַנאַליזירט געוואָרען. מען האָט געמוזט געפינען אַן אויסוועג אַז דאָס זאָל זיך ביים „דבוק" ניט איבערחזרען.

הערמאַנס אויפפאַסונג איז געווען אויפן אָרט. עס האָט צוגעגעבען רייץ און פאַרביגקייט און אין דער זעלבער צייט אַ קינסטלערישע בעשיידענקייט דעם גאַנצען „דבוק".

די חסידישע טענץ, די מעלאָדיעס, דער טויטען־טאַנץ. ס'אַראַ טיפען רושם זיי לאָזען אויפן עולם.

דער יום־טוב איז אויך גרויס מיט דעם, וואָס אַלע אַרטיסטען פון די ווילנע זיינען צוגעטראָטען צו אַנ—סקיס שוואַנען־ליד מיט דעם גאַנצען ערנסט פון קינסטלער. וויפיל ביי אונז, ביי אונזערע באַדינגונגען איז מעגליך געווען, האָבען זיי געגעבען. דער גרים, די קליידונג, אַלץ איז אויפן העכסטען אופן סטיליסטיש אויסגעהאַלטען. אַביסעל הינקט די דעקאָראַציע, איבערהויפּט די שול. די אַלטע

יידישע שול, וואָס דאַרף זיין שטאַרק פון אַלטקייט און געהויקערט פון אַלטקייט, אָבער די איינגעהויקערטקייט איז אין דער שול ניטאָ. דער זייל, וואָס שטייט אין מיטען שול, איז צו גלייך, אַלץ איז צו סימעטריש. פון דער דאָזיגער שול



## ערשטער אַקט.

די דריי בטלנים.

אברהם מאַרעחסקי. יעקב וויסליץ. אליעזר זשעליאַזאָ.

האָט באַדאַרפט שמעקען מיט אַלטקייט און דויערהאַפטיגקייט. דאָ האָט זיך דאָך קאָנצענטרירט די יידישע נשמה אין אירע אַלע איבערלעבונגען, אָנהויבענדיג פון די שמחת-תורהדיגע הקפות ביז דעם מסירת-נפש פאַר גאָט און פאַר זיין תורה...

דער אַלטער בטלן (זשעליאַזאָ) איז אַזוי צוגעפּאַסט צו דער שול. בעת די איבעריגע בטלנים לאָזען זיך אוועק אין אַ טענצעל, שטייט ער פון דערווייטען. ער טאַנצט ניט, ער זינגט ניט, נאָר זיין גאַנצער גוף באַוועגט זיך אין אַ שטילער הכנעהדיגער פרייד, מיט די הענט פּאַטשט ער לאַנגזאַם צו צום ריטמישען טאַנץ. די אויגען לויכטען און אויף די ליפּען ווערט געבוירען אַ ברכה. דאָס איז אַ פאַרענדיגטער בילד; די קליינע ראָל איז אַ ליכטיגער פּערעל אין דער גאַנצער שטיק.

וועגען יעדען איינעם פון די שוישפּילער וואָלט זיך וועלען זאָגען עטליכע האַרציגע ווערטער. אין זכרון בלייבט שטיין'ס געשטאַלט (חנן),—אַ נ'אמתער באַרבליי-בילד. ר' סנדר דער בעל-הבית אין ביי קאָוואַלסקין אַרויסגעקומען זעהר שטאַלץ און מאָנומענטאַל.

די שווערסטע ראָל אין אַנ—סקיס „דבוק" איז אָן אַ ספק דער צדיק ר' עזריאלקע מיראָפּאָליער. שוין אַוועק די צייט, בעת דער „רבי" איז אויף דער יידישער בינע געווען בלויז באַהאַנגען מיט באָרד און פאות, מיט אַ שטריימעל...

דער „רבי" איז א גאנצע וועלט און די דאָזיגע וועלט באַדאַרף זיך ארויס-וויזען, אנטדעקען. ביי די ווילנער שפּילען די ראָל צוויי פּערזאָנען: מאַרעווסקי און קאָוואַלסקי. ביידע גיבען זיי צוויי באַזונדערע געשטאַלטען. מאַרעווסקי איז אקטיוו, מעכטיג און אין דער זעלבער צייט פול מיט ספקות. קאָוואַלסקי איז פּאַסיווער, לירישער, אונטערטעניג...

דאָס זיינען צוויי באַזונדערע וועלטען, ביידע פול מיט שיינקייט און טיפקייט.



ערשטער אקט.

חנן און הנך.

יוסף בולאָוו (הנך). אליהו שטיין (חנן).

## IV.

ס'ווילט זיך מאַכען א קליינעם סך-הכל. נאָך דעם „דבוק" וועט דער יידישער טעאטער ניט קאָנען זיין דאָס, וואָס ער איז געווען פאַרן „דבוק". אנ—סקיס „צווישען צוויי וועלטען" האָבען אויפגעשטעלט א גרעניץ-זייל: צוריק טאָר מען ניט גיין און פאַראויס רופט דאָס לעבען. דער באָדען איז צעאַקערט, קערנער זיינען געוואָרפען געוואָרן, מען מוז גוט אכטונג געבען, אז דאָס פעלד זאָל ווידער ניט פאַרוואַקסען ווערן מיט ווילד-גראָז.

אין אונזער רייכער פאַרגאַנגענהייט;
אין אונזער שטורמישער געגענוואַרט;—
עס איז פאַראַן גענוג פון וואַנענט צו שעפּען. די יידישע דראַמע מוז געשאַפען ווערן. די יידישע בינע מוז אויסוואַקסען.

קיין איין פאָלק טאָר ניט פאַרלאָזען, פאַרנאַכלעסיגען זיינע מעגליכקייטען, די גייסט-אוצרות טאָרען ניט פאַרשימעלט ווערן.

אנ—סקי האָט אונז אויפגעוועקט און איז אליין געשטאָרבען.

אנ—סקי וועט, אָבער, קיינמאָל ניט פאַרגעסען ווערען, בעת מיר וועלען צו זיין ירושה צוגעבען נייע ווערטען...

ז. סעגאלאָוויטש.

# צווישען צוויי וועלטען.

(דער דבוק).

וואָס איז סוף־כל־סוף דער „דבוק“?

עס איז שווער צוצוגיין צו דער לעצטער דראמע פון ש. אַנ—סקי מיט דעם קריטעריום, מיט וועלכען מ׳באַהאַנדעלט אַ געוויינליך בינע־שטיק. די זאַך האָט אין זיך אַנ׳עשירות פון גייסט און פאָלקסטימליכער שיינקייט; דער פּלאַן פון שטיק איז פאַרטראַכט זעהר רייך און ברייט; די באַהאַנדלונג פון שטאָף אָן און פאַר זיך איז נייע און אָריגינעל און צו דעם אַלעם איז עס, ווי עס איז, אַ פעסטער דראַמאַטישער בנין—אַן אַלט־יידישע שול, געבויט שטאַרק און מאַסיוו, באַפוצט מיט חנודיגע קוויטלעך און פליטערלעך, פרום פאַרזונקען אין טיפע עולמותדיגע מחשבות.

דער „דבוק“ איז דאָס שענסטע שטיק פאָלקלאָר, וואָס ש. אַנ—סקי האָט אונז איבערגעלאָזען—דאָס שענסטע, רייכסטע און אינטימסטע פון יידישען פאָלקס־גייסט און יידישען פאָלקס־לעבען, דיכטעריש באַאַרבעט אין אַ דראַמאַטישער פאָרם. דאָס איז די בריק צווישען בײדע וועלטען, וואָס די יידישע פאָלקס־פאַנטאַסט׳ק האָט איר געזען אַזוי בולט און אַזוי רעאַל; דאָ איז די פיינע ראָמאַנטיק פון יידישען פאָלקס־גייסט, וואָס גייט צוזאַמען מיט די באַגריפען פון דער העכסטער, איבער־תעלטליכער גערעכטיגקייט; דאָ איז אַ פיינע רירענדיגע פאַרפלעכטונג פון לעבען, ליבע און טויט, וואָס דערמאָנט פרעכטיגע, צאַרטע אַקאָרדען און וויקעלט פונאַנדער אַ בילד פון העכערער, פיינערער מענשליכקייט—דאָס שטיק איז אָן שום ספק איינע פון די רייכסטע און אינטערעסאַנטסטע יצירות אין אונזער נייער ליטעראַטור און גלייכצייטיג איינס פון די דאַנקבאַרסטע און פאַרביגסטע ווערק פאַר דער יידישער בינע.

צו איז דער „דב׳ק“ אַ קונסט־ווערק?

די פעלערען אין דעם קינסטלערישען בוי פון דער זאַך לאָזען זיך לייכט פאַרבייגיין.

אַנ—סקי איז קודם־כל ניט געווען קיין געשטאַלטען־מאָלער און די פיגורען פון „דבוק“ זיינען בעצם ניט מער, ווי פאַרקערפּערטע אידעען און באַגריפען. דאָס זיינען רוחניותדיגע געשטאַלטען, וועלכע באַוועגען זיך פאַר אונז בלויז מיטן כח פון וואָרט, בלויז מיטן כח פון דעם שם המפורש, וואָס יעדערע פון זיי טראָגט אין זיך. מיר זעען ניט די געשטאַלטען, מיר שפּירען ניט אויף זיך זייער לעבעדיגען אָטעם און זייער פאַרב שלאָגט זיך אויף אונז ניט אָפּ—מיר הערען בלויז זייערע רייד, וואָס ווירקען אויף אונז מיט זייער הייכקייט און קלאַפּען זיך אָפּ אָן די פיינסטע סטרונעס פון אונזער נשמה.

דעם אייגענעם חסרון האָבען אויך די געשטאַלטען, למשל, פון פרצעס „גאָלדענער קייט“: פרץ איז אָבער געווען דיכטערישער, לייכטער און שפּילענ־

דיגער. פרץ האָט ארויסגעצויגען פון שטאָף בלויז זיין פיינעם ציטעריגען אָטעם אין די בריק צווישען הימעל און ערד איז ביי אים אזוי לופטיג, אזוי צאַרט, און האָט אין זיך אזוי פיל קינסטלערישע פיליגראַנישע שיינקייט, אז פאַר אונז איז גענוג בלויז דאָס עכאָ פון וואָרט. דאָס איבעריגע פילען מיר זיך אליין אויס און די געשטאַלטען שוועבען פאַר אונזער גייסטיגען בליק אזוי, ווי זיי זיינען— שאָטענדיגע, לופטיגע, נשמהדיגע.

ביי אנ—סקין איז אָט די לופטיגע צאַרטקייט ניטאָ. אנ—סקי שטייט נענטער צום רעאַליסטישען שטאָף פון דער פאָלקס-פאַנטאַסטיק און וויל אים געבען מער אין זיין רויער ממשותדיגקייט. אנ—סקי נעמט דירעקט פון פאָלק דעם לעבעדיגען ספור המעשה און וויל געבען לעבעדיגע, אויסגעפאָרמטע דראַמאַטישע געשטאַלטען.



צוויטער אקט.
דער חתן מיטן מלמד.
יעקב ווייסליץ (ר׳ מענדל, דער מלמד). *** (מנשה, דער חתן)

געבען גיט ער זיי אָבער פאַקטיש בלויז מיט דער הילף פון וואָרט, וואָס איז פון איין זייט צו ווייניג דיכטעריש פאַר דעם צאַרטען שטאָף פון דער פאַנטאַסטיק און פון דער צווייטער — צו ווייניג פאַרביג און אָטעמדיג אום צו מאַכען די פיגורען גענוג בולט, גענוג לעבעדיג און סצעניש.

אנ—סקין איז אָבער אויך ווייניג געווען בלויז דער שטאָף פון דער פאָלקס-פאַנטאַסטיק, און אויך דאָס האָט זיך שלעכט אָפגערופען אויף דעם בוי פון דער זאַך. אים האָט געפעלט דער קינסטלערישער „סוד הצמצום“, און שוין ניט ריידענדיג וועגען דעם, וואָס ער האָט אין דעם שטיק אריינגעפירט א מאַסע זייטיגע סענטענצען און מאָטיווען, וועלכע שטערען דעם אייגענטליכען גאַנג פון דער דראַמאַטישער האַנדלונג, האָט ער נאָך דעם דראַמאַטישען קאָנפליקט גופא

פארנעבעלט און פארוויקעלט. דורך דעם, וואס ער האט אים געוואלט מאכן רייכער און ברייטער, דורכן אריינפירען אין „דבוק" דאס פראבלעם פון מענשליכען שטייגען און פאלען („מחמת וואס" א. א.), האט די דראמאטישע פארוויקלונג, ערשטענס, פארלוירען א סך פון איר דיכטערישער און פאלקסטימליכער אוממי- טעלבארקייט און, צווייטענס, ווערט צוליב דעם די פונאנדערוויקלונג פון דעם דראמאטישען קנויל כמעט איבערגעריסען אין מיטען.

פאר אונז, למשל, בלייבט ניט קלאר, וואו עס ענדיגט זיך חנן׳ס ירידה און וואו עס הויבט זיך אן זיין עליה; מיר בלייבען אן אן ענטפער אויף דער פראגע, וואס איז געווארען מיט דעם חנן, וואס „האט געזוכט נייע וועגען",—בעת דער אייגענער חנן איז פאר אונז אינגאנצען קלאר און פארשטענדליך, ווען אויף דער פראגע, פארוואס ער איז אריין אין דער בתולה, ענטפערט ער אפען און פשוט: איך בין איר באשערטער.

דער אייגענטליכער דראמאטישער מאטיוו פון „דבוק"—די ליבע איז שטארקער פון טויט—ווערט אויף אזא אופן פארטרישט און פארנעבעלט דורך א צווייטען מאטיוו, וואס איז מיט דעם ערשטען ניט ארגאניש פארבונדען און האט צו אים בעצם קיין שיכות ניט.

די דאזיגע ניט געשלאסענקייט שפירט זיך אויך אין דעם טעכנישען בוי פון שטיק. אזוי, למשל, הויבט זיך אן אנטוויקלען פאר אונז אין דריטען אקט א גאנץ נייע דראמע („די דראמע פון צדיק") מיט א נייער צענטראלער פיגור (וועלכע איז לגבי דעם עצם קאנפליקט ניט מער ווי אן עפיזאדישע געשטאלט), צוליב וואס די קומענדיגע רעזשי וועט סוף-כל-סוף זיין געצוואונגען צו מאכן פון „דבוק" צוויי באזונדערע סצענישע אויפפירונגען, פון וועלכע די ערשטע וועט זיך ענדיגען מיטן סוף פון צווייטען אקט.

דער סך-הכל?

אנ—סקי האט דעם פיינעם ריין-לירישען און ראמאנטישען שטאף פון דער פאלקס-פאנטאסטיק טיילווייז דערדריקט, ערשטענס, מיט דער שווערער רעא- ליסטישער ממשותדיגקייט, מיט וועלכער ער האט אים באהאנדעלט, און צוויי- טענס, דערמיט, וואס ער האט אויף אים אנגעהויפט א שווערע משא פון זייטיגע פאלקס-מאטיוון און אינדיווידועלע פילאזאפישע פארווירקלונגען, וועלכע זיינען מיטן אייגענטליכען שטאף ניט ארגאניש צונויפגעוואקסען געווארען און וועלכע ער איז ניט ביכולת אויף זיך איינצוטראגען.

---

ווי איז צו דעם שטיק צוגעגאנגען די רעזשי פון דוד הערמאן און וואס האט זי דעם שטיק געגעבען?

זי האט איין קלייניגקייט געטאן: זי האט דעם הייליגען, אבער ניט היימ- ליכען, ניט געמיטליכען בוים—דעקארירט. זי האט אים פארפוצט מיט אנ׳עשירות פון פארביגער שיינקייט און אויף אזא אופן ערשט געמאכט פון אים יענעם פאנ-

טאַסטישען, אין הייליגע לעגענדעס איינגעהילטען, פּיערליכען בוים, וואָס לאָקט אַזוי שטאַרק ניט בלויז קינדער, נאָר אויך דערוואַקסענע.

ביי אַנ–סקין איז דער שטאָף געפאָרימט אויף אַזאַ אויפן, אַז דאָס דיכ־טערישע איז גראָד אַמווענינגסטען דראַמאַטיש און דאָס דראַמאַטישע איז וועניג דיכטעריש. די רעזשי האָט דעריבער געמוזט געפינען אַ מיטעל, ווי אַזוי צו פאַראייניהייטליכען דעם טאָן פון דער גאַנצער זאַך, און דאָס האָט זי אַמבעסטען דערגרייכט דורך דעם, וואָס זי האָט אין דעם שטיק אַריינגעפירט אַ קאָלאָסאַלע סומע פון מאַלערישער, פלאַסטישער און מוזיקאַלי־שער שענקייט. דאָס האָט פון איין זייט פאַרטיפט און רייכער געמאַכט דעם אייגענ־אַרטיגען קאָלאָריט פון דער דראַמאַטישער לעגענדע, און פון דער צווייטער—געגעבען די מעגליכקייט צו האַלטען די גאַנצע האַנדלונג אין איין אויסגעהאַלטענעם ריטם, אין איין אויסגעהאַלטענעם טעמפּאָ.



צווייטער אקט.
לאה און פראדע.
מרים אָרלעסקאַ (לאה). יהודית לאַרעס (פראדע).

עס פאַרשטייט זיך, אַז צוליב דער דאָזיקער איינ־הייטליכקייט פון טאָן און צוליב דער פיינער דיסקרע־טער ריטמיק, אין וועלכער די גאַנצע זאַך מוז געהאַלטען ווערען, האָבען געוויסע שטעלען פון ווערק געמוזט געענדערט ווערען, און מעגליך, אַז עס זיינען באַ־זייטיגט געוואָרען עטליכע מאָמענטען, וועלכע וואָלטען באמת זיך געלאָזען איינפּאַסען אויך אין די ראַמען פון דער אויפפירונג. בכלל האָט אָבער דאָס שטיק דערפון ניט געליטען, און דער „דבוק“ אויף דער בינע (אויף דער וואַרשויער, אויך אויף דער לאָדזער, מיט די פּרעכטיגע דעקאָראַציעס פון ה׳ ברוינער) וואַקסט זיך סונאַנדער ביז דער הויך פון אַ גראַנדיעזער בינע־שטיק, וואָס פאַרכאַפּט און באַהערשט מיט זיין פאַרביגער, מוזיקאַלישער און סצענישער שענקייט.

און דאַן נאָך איינס:

אין דעם כאַראַקטער פון ה׳ הערמאַנס רעזשי ליגט די טענדענץ צו מאַכען מענשען—מענשליכער, אַרויסצובאַקומען פון די סצענישע געשטאַלטען דעם מאַקסימום פון מענשליכער שענקייט, דעם מאַקסימום פון אינערליכען אַריסטאָקראַטיזם און פיינער גייסטיגער אויסדריקליכקייט. און גראָד דאָס איז איינער פון די גרעסטע ווערטען אין דער אויפפירונג פון ש. אַנ—סקיס „דבוק״.

די פרויען פון דער חתונה-סצענע (אין 2-טן אַקט) אין זייערע פיין סטיליזירטע טראַכטען, וואָס באַוועגען זיך מיט אַ ריטם פון שטאָלצע שוואַנען איבערן וואַסער; די מלכות׳דיקע שטריימעל-יידען, די אינדיווידואַליזירטע געשטאַלטען פון די אָרימע קאַליקעס, וואָס יעדערע פון זיי ערשייבט פאַר אונז מיט איר אייגענעם מענשליכען פנים; די מאַיעסטעטישע געשטאַלט פון צדיק—דאָס אַלץ צוזאַמען שאַפט אויף דער בינע אַן אַטמאָספערע פון העכערער, פיינערער, גייסטיגער מענשליכקייט,—און ווער ווייסט, צי ליגט ניט גראָד אין דעם דער כח פון „דבוק״.

עס איז אַ פּרעכטיג, סטיליזירט און מאַלעריש שטיק ייד׳שקייט, וואָס די יידישע בינע האָט באַקומען בירושה פון ש. אַנ—סקי דורך דער קינסטלערישער פאַרמיטלונג פון דוד הערמאַן.

## ב. קאַרליניום.



# אַנ־סקי׳ס „דבוק“.

I.

פאַרוואָס איז אַנ—סקי ניט זוכה געווען צו דעם עולם הזה, וועלכען דער אומגעהויערער ערפאָלג פון „דבוק“ וואָלט אים באַשאַפען, אַז ער וואָלט אים אַליין בייגעוואוינט? —

זאָל עס קלינגען פּאַראַדאָקסיש, מעטאַפיזיש — אונזוערטהוועגען אַבער־גלויביש—אָבער מיר מוזען זאָגען, אַז די באַזיצערס פון אייביקייטען קענען ניט און טאָרען, משמעות, ניט געניסען קיין מאָמענטען.

אין מיין פאַראַיאָריגען אַרטיקעל וועגען „דבוק“ („לעבען“ נומ. 2) האָב איך געשריבען, אַז מיר וועלען ניט זוכה זיין צו זען די ראַמען און הערען די ווערטער, אין וועלכע די צייט וועט איינפאַסען אַנ—סקי׳ס מייסטערווערק אַזוי ווי אַ האַמער און שעקספּיר הערן ניט דאָס, וואָס אונזערע דורות ריידען וועגען זיי...

און אַנ—סקי ע״ה האָט זיך באַליידיגט אויף די דאָזיגע ווערטער מיינע... ער איז כמעט ברוגז געוואָרען. ער האָט עס אָנגענומען פאַר אַ געשמאַקלאָזע גוזמא.

און אַז איך וואָלט, שרייבענדיג, געטראַכט וועגען אַנ—סקי׳ס שכנות (מיר האָבען דעמאָלט געוואוינט אונטער איין דאַך, אין אָטוואָצק), וועגען זיין ליבע־וואַרימע פריינדליכקייט, וועגען זיין נאָהענטקייט, וואָלט אפשר די האַנט אַ ציטער געטאָן ביים מאַכען אַזאַ מין פּאַראַלעל... אָבער איך בין געוועזען אונטער דעם צויבער פונם ווערק, אין וועלכען כ׳האָב זיך אין יענע טעג צום ערשטען מאָל געהעריג פאַרטיפט.

כ׳האָב זיך ניט פאַרטראַכט וועגען דעם, וואָס אַ „לעבעדיגער מענש“, אַ בן אדם קאָן מורא האָבען פאַרן גלאַנץ פון זיינע אייגענע שטראַלען.

* * *

און אַנ—סקי איז שוין ניטאָ צווישען אונז... אַנ—סקי רוגזט שוין ניט מער און שמייכעלט ניט אויף אונזער וועלט פון גוזמאות, פון חניפות, פון חשד און פון דמיון... און ווידער און אַנטגילטיג חזרן מיר איבער אונזער דיאַגנאָזע —

עס איז דאָס ווערק, וואָס הויבט אָן מיט זיך אַ נייע תקופה אין אונזער קולטור — פון דעם דאָזיגען ווערק הויבט זיך אָן יידיש טעאַטער.

II.

דאָס יידישע לעבען, פאַרשטויסען הינטער הויכע, שטומע ווענט פון רעכטלאָזיקייט, איז אין משך פון די שטורמדיגע וועלט־עפּאָכען ניט אָפּגעשטאַנען פון אַלגעמיינעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס.

אהין, הינטער די טויערען פון יידישען געטאָ, זיינען אויך אריינגעדרונגען די שטראַלען פון אַלוועלטליכער זון און פון דאָרטען זיינען אין שטראָם פון גרויסען קולטור־קאָסמאָס אריינגעפליסט ברייטע כוואַליעס פון נאַציאָנאַלען שאַפען.

אויף אַלע געביטען זיינען אַרויסגעטראָטען יידען, וואָס האָבען די אַלגעמיינע קולטור געפּוצט און געטיפט מיט זייערע טאַלענטען. אָבער הינטער דעם אַלעם איז געבליבען אַ ווינקעל אַ ניטאָנגערירטער.

ער האָט זיך אויך געפונען אויפן שטח פון אַלע איינפלוסען, אָבער ער האָט זיך ניט באַאיינפלוסט.

ווי אַ קליין שיפעל אין בושעוודיגע ימים איז דאָס דאָזיג ווינקעל יידענטום געווען אויפן לאַנגען וועג פון מענשליכער געשיכטע. ס'האָט זיך געוואַקעלט, פאַרטרונקען, פאַרפּלייצט, אָבער ניט פאַרשוואונדען. און אַהין איז טעאַטער ניט אַריינגעדרונגען.

דאָרטען איז געבליבען אומבאַריירט דער אַלטער באַגריף:

— טעאַטער איז גאָטסלעסטערונג.

און עס האָט אַנדערש ניט געקאָנט זיין.

הגם טעאַטער איז דורכגעגאַנגען אין יידישען לעבען אַלע פאַזען פון אַנטוויקלונג, אַזוי ווי ביי אומות העולם, איז אָבער די אַנטוויקלונג זיינע געווען אַ ריין מעכאַנישע, אַן אויסערליכע. עס זיינען געווען נאָכקרימענישען, איבערפּלאַנצונגען. עפּיזאָדען פון דער יידישער געשיכטע אָדער לעגענדעס, איבערגעגעבען אין די אָדער יענע פאָרמען פון אַלוועלטליכען טעאַטער.

די פערסאָנאַזשען פון דער איטאַליענישער Comedia del arte באַווייזען זיך אין די מאַסקען פון פורים-שפּילער און שילטען המן הצורר, כאַפּען דורך אונטערוועגס די צוררים פון זייער צייט.

עס זיינען דאָ פאַריידישטע מיסטעריען.

עס איז דאָ אַ רייכע יידישע דראַמאַטישע ליטעראַטור.

גאָלדפאַדען האָט באַשאַפען רייכע מוזיקאַלישע דראַמען אויף יידיש-היסטאָרישע טעמען.

גאָרדין האָט פאַריידישט די גאַנצע אַזויגערופענע בירגערליכע דראַמע.

שלום אַש, פּרץ הירשביין האָבען באַשאַפען אַ ריי ערשטקלאַסיגע טעאַטער-שטיק, וועלכע קאָנען באַשיינען די בינעס פון אַלוועלטליכע טעאַטערס מיט זייער ווירטואָזישקייט, הויכער קינסטלערישקייט, ראַפינירטע פאָרמען.

אָבער עס איז ניט געווען קיין יידיש טעאַטער. „איציק" אין הירשביינס „קרעטשמע" — ווי די גאַנצע „מעשה" — איז יידיש אַזוי גוט ווי פראַנצויזיש, היספּאַניש, סלאַוויש.

אפילו יעקב שעפּשאָוויטש מיט זיין הייזעל און ריינקייט איז אַ יידיש געשעהעניש, אָבער ניט קיין יידישער קאָנפליקט, ניט קיין פּראָבלעם פון ספּעציפיש-יידישער פּסיכאָלאָגיע און ספּעציעל-יידישער פילאָסאָפיע. און ניט צופעליג זיינען די בעסטע דאַרשטעלער פון „שעפּשאָוויטשן" ניט יידען.

און דאָ האָט עס אַנ—סקי אַרויסגעזאָגט זיין איינפאַך וואָרט, וואָס האָט נעכטען געפעלט און איז היינט געקומען און באַשאַפען דאָס, וואָס הויבט פון היינט אָן

צו זיין — אַ יידישע ראָלע, אַ העלד נעבען פּראָמעטעאוסען — דעם העלד פון גריכישער מיטאָלאָגיע; נעבען האַמלעטען, דעם טרעגער פון הומאַניסטישער פּראָבלעם, אַ דריטע און אויסשליסליך־יידישע געשטאַלט פון אייביגען מאַרטירער פאַר די רעכט פון זיינס־לייכען —

ע ז ר י א ל ק ע מ י ר א פ א ל י ע ר — דער צדיק, „גאָט ברוך הו"ס שליח", וואָס דאַרף אויף זיין שוואַכען, אַלטען גוף טראָגען דעם „צער און די יסורים פון דער וועלט".



ר' עזריאלקע מיראָפּאָלער.
אברהם מאַרעחסקי.

### III.

עס איז געשען אַ נס —

דעם רבי'ס מעשהלעך זיינען געוואָרען מאָנאָלאָגען; דעם רבי"ס מלוה מלכה — אַ טעאַטער־ערשיינונג.

און חסידים גייען אין טעאַטער, ניט ווילען זיך, ניט הערען און זען ווי מען איז זיך זינדיג משמח — ניין: זיי גייען מיטפילען מיט די טרערען פון טעאַטער־קינסטלער, וועלכער אַנטפּלעקט פאַר זיי דאָס צעשפּאָלטען האַרץ פון „גאָט ברוך הו"ס שליח"; זיי גייען קוקען אויף דעם ווי „דער דבוק", דאָס ניט דערלעבט לעבען פון דעם פון דער וועלט פאַרטריבענעם אָרים בחור, איז מנצח דעם תקיעה, שברים תרועה, ווייל גאָטס נאַטירליכע כּללים זיינען העכער פון די צייטווייליגע כלומרשטע באַגריפען פון סאָציאַלען אמת; פון די בליקען, וואָס „סנדר דער בריניצער גביר" גרייט פאַר זיין בת־יחידה —

ראָמעאָ באַהעפט זיך אויף אייביג מיט יוליען, באַזיגענדיג די שנאה און די מחלוקת פון זייערע פאָטערס, פאַרביטערטע שונאים — דאָס איז שעקספּיר אין הומאַניזם.

חנן באַהעפט זיך מיט לאָהן, באַזיגענדיג אַלע כחות פון „גאָט ברוך הו"ס

שליח״ און ארויסבאַקומענדיג דאָס רעכט פון זיין ליבע, דעם „פסק״ פון א י י ב י ג ע ן דין

— „ברוך דיין אמת״ —

דאָס איז אַנ—סקי און דער דבוק...

האמלעט שטייט צווישען צוויי וועלטען און פּלאָגט זיך: „זיין, אָדער ניט זיין?״

זיין—הייסט עוולות באַגיין;
ניט זיין—הייסט עוולות דערלאָזען—
—וואָס טוט מען?

„די קייט פון צייטען איז צושפּאָלטען,
„א כאַאָס האָט די וועלט באַדעקט,
„זאָל דער גורל זיין פאַרשאָלטען
„וואָס׳ט מיך צו מעשים אויפגעוועקט״*)—

דאָס איז שעקספּיר, ס׳איז — „האמלעט.

„איך בין אלט און שוואַך, די נשמה דורשט צו התבודדות, און צו מיר ציט זיך דער צער און די יסורים פון דער וועלט. יעדעס קוויטעל, וואָס מען ברייגנגט מיר, שטעכט מיר ווי א נאָדעל אין לייב. איך האָב שוין מער קיין כח ניט. איך קאָן ניט מער״ —

דאָס איז אַנ—סקי, ס׳איז דער צדיק.

און די פּאַראַלעלען קאָנען גיין עד בלי סוף. אין גאַנצען בילד פון דער דין־תורה געפינט איר ט ע נ ע ר פון געריכט „אנטאָניאָ־שיילאָק״, בעת עס טרעט אַזוי בולט ארויס, אַז דין און יושר זיינען צ ו ו י י זאַכען...

די פאַרבען פון שעקספּירס דראַמען, די אמתן פון הומאַניזם האָבען זיך אין אַנ—סקי׳ס ווערק צונויפגעפלאָכטען מיטן גײַסטען פון א קאַמפּער אין געגענווארטיגער סאָציאַלער באַפרייאונג און ס׳האָט זיך באַשאַפען א ווערק, וועלכע שיינקט דער צוקונפט א דריטע געשטאַלט אין דער משפחה פון די טראַגישע מאַרטירער, וועלכע שטייען אויף די שוועלען „צווישען צוויי וועלטען״.

צווישען גאָט און מענשען מיטן ערשטען פייער־דייל פאַר דער אָרימער פאַרוואָגלטער מענשהייט שטייט פּראָמעטעאוס...

צווישען דין און יושר, „זיין און ניט זיין״, שטייט האמלעט...

צווישען גאָט און מענשען א י ז אין שליחות פון דין פאַרבלאָנדזשעט אין זיין יושר — דער צדיק, דער חסידישער רבי — עזריאלקע מיראָפּאָליער...

IV.

אַנ—סקי — אַזוי דערציילען אונז די שורות פון „לעבען״ נומ. 8 — איז, פאַרענדיג נאָכן לאַנגען וואַנדערען אין דער פרעמד דורך ווילנע, אריין אין קאַרבישע

*) אימפּראָוויזירטע איבערזעצונג פון האמלעטס באַרימטען מאָנאָלאָג אין שלוס פון 1 אַקט.
א. מ.

שול א בין השמשות, בעת עס שמילקעט א חלבנע ליכטעל און עס ברומען או-מעטיגע, סקארבאָווע נגונימלעך פון פרושים, בטלנים און אָרים-בחורים. ער איז לאנג געשטאנען, לאנג געשוויגען און אוועק א דערשיטערטער—אוועק פון דאָרטען צוריק—„אהיים"..

און לייענט די ערשטע רעמארקע פון „דבוק", וועט איר זען, אז אין ווילנע אין קברנישע שול איז יענעם בין השמשות אנ—סקי מיטן „דבוק" באפרוכפערט געוואָרען...

און איר וועט פארשטיין, ווי גרויס איז די שמחה פון א שויישפילער, אז ער דערזעט בעשיינפערליך, אז דאָרטען, „עמאָלט איז אנ—סקי געוואָרען דראמאטורג —



דריטער אקט.

פארלעצטער בילד:

חנן (שטיין) באווייזט זיך דער שטארבענדער לאה (ארלעסקא) ביי איר זינגען שיר-השירים.

בעת זיין הארץ האָט איינגעזויגט אין זיך די זאנפטע זאפטען פון אונזער פארהאָגלטער היימישקייט, האָט זיין קינסטלערישקייט זיך צוברענט און עס איז באשאפען געוואָרען דאָס ערשטע בלעטעל פון דער יידישער וועלט-דראמע.

דער וועלט-דראמע! —

ווייל דער קאָנפליקט, דער דראמאטישער צוזאמענשטויס איז א פראָבלעם פון הומאניסטישער טיפקייט.

דאָס רעכט אויף מענשליכעס פון איין זייט און די פאָדערונגען פון קבוץ, פון כלל—פון דער צווייטער זייט.

און דער ערשטער יידישער דראמע.

ווייל יידישקייט זיינען די פעדים, די לייס, די זיפצען, די מינאָרען און מאַזשאָרען פון אַנ—סקי׳ס סימפאָניע.

יידישקייט איז ניט נאָר דאָס מ י ל י ע ווי אין די פריהערדיגע יידישע דראַמען;

יידישקייט איז דער שטורם, וואָס שאַפט דעם קאָנפליקט, דער קוואַל, פון וועלכען עס פליסען אַרויס זיינע וואַסערען און ווינטען —

דער חסידיזם מיט אַלע צויבערען פון קבלה, אין וועלכער די עלעמענטאַרע רעכט פון בשר ודם זיינען פאַרפלאָנטערט און דער רבי, וואָס איז באַרופען צו שטיין „צווישען צוויי וועלטען" און טראָגען די לאַסט פון טראַגישע ווידערשפרוכען אויף זיינע שולטערען.

אַנ—סקי׳ס ווערק איז דער ערשטער יידישער אַקאָרד אין דער אייביגער האַרמאָניע פון אַלוועלטליכער דראַמאַטישער קונסט אין טעאַטער-קולטור.

דער שטראַל פון בינע-ראַמפע איז מיטן „דבוק" אַ־יינגעדרונגען אין יענעם פאַרבאָרגענעם ווינקעל פון יידענטום, וואו טעאַטער איז עד-היום פאַרבליבען אַ זינדיגע ווילונג.

און אויב אַנ—סקי׳ס ווערק וועט דאָרטען ניט אַרויסרופען אַן איבערשאַצונג פון באַגריף „טעאַטער", וועט יעמאָלט קיין ספק ניט קאָנען בלייבען, אַז צווישען עלינטיזם און יודאַאיזם מוז בלייבען אַ תהום אויף אייביג.

* *
*

מיר האָבען פאָראויסגעזען געשריבען אין „לעבען", אַז דער היינטיגער יידישער טעאַטער איז ניט מסוגל צו אַנטפלעקען דאָס בילד פון אַנ—סקי׳ס ווערק אין זיין פולקומער הערליכקייט און רייכען קאָלאָריט. ביי דער מיינונג האַלטען מיר זיך איצטער אויך.

אמת —

די ווילנער טרופע איז זוכה געווען צום גרעסטען כבוד, וואָס קרוינט איר פינפיעריגע-טעטיקייט מיט דעם, וואָס זי האָט אויפגעפירט דעם „דבוק" צו אַנ—סקי׳ס שלשים.

אויף די לוחות פון אונזער טעאַטער-געשיכטע מוזען בלייבען אויסגעשניטען די נעמען, וואָס האָבען געפירט און געבראַכט צו דער דאָזיגער געשעעניש — אַלע זיינע פאַרווירקליכער — פון ערשטען ביזן לעצטען — האָבען פנים אל פנים די אייביקייט דערזען מיט זייער אַרבעט אַרום ספעקטאַקל.

אמת —

דער ערפאָלג איז גרויס, די שוישפּילער זיינען באַגייסטערט, דער עולם אַנטציקט, די פּאָפּולאַריטעט פון דער טרופע איז אַרויס ווייט פון יידישען תחום.

גאַנץ וואַרשע איז פאַרפלייצט מיטן ספעקטאַקל, מען זינגט דעם בטלנים-טאַנץ אין קאָנצערטען*), מען האַמפערט זיך, מען צאַנקט זיך און מען משפט זיך...

*) למען האמת דאַרף פאַרשריבען ווערען, אַז די צוויי נגונים געהערען: איינער אברהם מאָרעווסקי׳ן (אַ מן אימפּראָוויזאַציע) און דער צווייטער — מתתיהו קאַחאַלסקי׳ן. די נגונים ווערען געבראַכט ווייטער, ז. 51.
רעד.

אַבער עס איז נאָך ניט אַנ—סקי׳ס ,,דבוק״. אַנ—סקי׳ס ,,דבוק״ וועט דערזען די שיין פון דער וועלט ערשט דעמאָלט, ווען טעאטער וועט די ,,אוצער ,,עם הספר״ ווערען אַ ה י כ ל; בעת יידישע אַקטיאָרען וועלען קאָנען זיין פ ר י ס ט ע ר, בעת די קונסט פון טעאַטער וועט ניט זיין פאַרוואָגעלט און פאַרשקלאַפט אונטער אַלע אונזערע יידישע מחלות.

דערווייל איז עס נאָך ווייט.

וואַרשע, פעברואר 1921.

א. מאַרעווסקי.



## דריטער אַקט.

שלוס־בילד:

א. שטיין (חנן). נ. נאכבוש (דער משולח).

מ. ארלעסקא (לאה).

# צו דער העברעאישער איבערזעצונג פון „דבוק“.

(בני שני עולמות (הדבוק). תרגום ח. נ. ביאליק. התקופה, ספר ראשון. מוסקבה, תרע״ח—1918.— צווישען צוויי וועלטען (דער דבוק). ווילנע, 1919).

צוטרעטענדיג צו רעדאקטירען די העברעאישע אויסגאבע פון ש. אנ—סקי׳ס ווערק, האב איך מיך אנגעשטויסען אן א פאקט, וועלכער האט מיך לכתחלה זעהר איבערראשט. איבערקוקנדיג דעם „דבוק“ אין ביאליקס באמת קינסטלערישער איבערזעצונג, האב איך דערזעהן, אז אין פיל ערטער הויבט זי לגמרי ניט אן צו שטימען מיט אנ—סקי׳ס יידישען אריגינאל. קודם כל ווארפט זיך באלד אין די אויגען די גרעסטע אומגלייכקייט אין דער שילדערונג פון דעם דעקאראטיווען טייל. די דעקאראציעס אין דעם ערשטען אקט ביי ביאליקן און ביי אנ—סקין שטעלען מיט זיך פאר צוויי גאנץ באזונדערע בילדער. גרעסערע און קלענערע אונטערשיידען אין דער דעקאראציע געפינען זיך אויך אין די איבעריגע אקטען. צום סוף צווייטען אקט, למשל, בעת דער חתן מנשה ווארפט ארויף אויף לאהן דעם דעקטוך, פעלט ביי ביאליקן אז „לאה רייסט אראפ דעם דעקטוך“. אין דריטען אקט פעלט ביי ביאליקן דער גאנצער פאסוס, אז דאס געשילדערטע קומט פאר „שבת צו-נאכט, באלד נאך מעריב“. ווער עס ווייס די גרויסע, באזונדערע ראל, וואס שבת צו-נאכט שפילט ביי חסידים, וועט פארשטיין, אז מיט דעם דאזיגען קליינעם שטריך אין אנ—סקי׳ס געוועזען כאראקטעריסטיש-גולטער צו מאכען די פון אים געמאלטע סצענעס. נאכדעם קומען גרויסע און וויכטיגע שנוים אין עצם טעקסט פון דעם יידישען מקור מיט דער העברעאישער איבערזעצונג.

ווען איך זאל דא וועלען אויסרעכענען די אלע שנוים צווישען ביידע טעקסטען, וועלכע געפינען זיך כמעט אויף יעטווידער בלעטעל, וואלט דאס מיך צו ווייט פארפירט. דעריבער וויל איך דא אנווייזען נאר אויף די מער וויכטיגערע פון זיי.

א) שמועסען, וואס אין אריגינאל ווערען זיי געפירט צווישען דריי בטלנים, ווערען ביי ביאליקן איינגעטיילט צווישען צוויי בטלנים, און אמאל אויך אויסגעגאסען אינגאנצען נאר אין דעם מויל פון איין בטלן (פארגלייך למשל, „צווישען צוויי וועלטען“ ווילנע, 1919 זייטלאך 8, 9, 10, 11 מיט ביאליקס „בין שני עולמות“ אין „התקופה“ 1-טער באנד זייטען 228, 229).

ב) אינם שמועס, וואס קומט פאר אין ערשטען אקט צווישען חנכען מיט העניכען זייגען איינצלנע פראזען לגמרי איבערגעדרייט, לענגער אדער פארקירצט. צום ביישפיל:

**אין יידיש:**

חנן: אלץ, וואס גאט האט באשאפען, האט אין זיך א פונק פון הייליגקייט...

הענעך: זינד האט באשאפען ניט גאט, נאר די סיטרא אחרא.

חנן: און ווער האט די סיטרא אחרא באשאפען? אויך גאט! סיטרא אחרא הייסט די צווייטע זייט פון גאט. ווי באלד זי איז א זייט פון גאט, מוז זי האבען אין זיך קדושה.

הענעך: קדושה אין דער סיטרא אחרא!! איך קען ניט! איך פארשטיי ניט! לאז מיך באטראכטען!

**אין העברעאיש:**

חנן: אלע מעשים פון גאט הערשען באלעבט דורך א פונק פון הייליגקייט. און אויך, דאס זינד האט גאט באשאפען.

הענעך: וואס רעדסטו! זינד האט געבראכט דער ס״ם אויף דער וועלט.

חנן: און דעם ס״ם ווער האט באשאפען? גאט! און אויב אזוי, איז דא א פונק פון הייליקייט אויך אין ס״ם גופא און אין די מעשים פון ס״ם.

הענעך: א פונק פון קדושה אין ס״ם?

ג) ביים סוף פון ערשטען אקט, בעת דער 2־טער בטלן זאגט: „געדארפט עפעס זינגען״, קומט אין דער העברעאישער איבערזעצונג דער גאנצער טעקסט פון ר׳ לוי יצחקס בארדיטשעווערס „דודעלע״, און דער יידישער מקור דערציילט: „דער 3־טער בטלן הויבט אן זינגען א שטילען מיסטישען נגון, אלע העלפען אונטער״. דער זמר אליין פעלט.

ד) צום סוף 2־טען אקט, בשעת לאה שרייט אויס דעם חתן׳ס פאטער אין פנים: „חאמעליוק״!, פעלט אין העברעאיש דער פאלגענדער פאסוס:

נחמן (פארציטערט): זי איז משוגע געווארען.

באזונדערס שטימט ניט די איבערזעצונג מיט דעם אריגינאל אין גאנצען דריטען אקט. אין דעם אקט זיינען זיך גאנץ פארשיידעןביידע טעקסטען ניט בלויז אין דער קאנסטרוקציע פון די פראזען, נאר אויך אין דעם גאנצען געדאנקען־בוי. באופן, אז ערטערווייז באקומט זיך, לעזענדיג, גאר אן אנדער איינדרוק.

ווי געזאגט, איז מיר די דאזיגע פארשיידענהייט צווישען אנ—סקיס אריגינאל מיט ביאליקס איבערזעצונג אויסגעקומען צוערשט גאנץ אומפארשטענדליך. אז ביאליק זאל זיך האבען ערלויבט אויף אזוי פיל אומצואנדערשען דעם טעקסט פון די „צוויי וועלטען״ אן אנ—סקיס וויסען — ווייל אנ—סקי וואלט דאס געוויס ניט דערלאזען — דאס איז לגמרי אויסגעשלאסען. אויף דעם באווייזט אויך דער פאקט, וואס אנ—סקי האט זיך תמיד וועגען ביאליקס איבערזעצונג פון זיין „דבוק״ אפגערופען מיט דער גרעסטער באוואונדערונג און מיט דעם גרעסטען נחת־רוח. דאס זעט זיך אויך גאנץ דייטליך ארויס פון יענעם פונקט פון זיין צוואה, אין וועלכען ער דריקט אויס זיין פארלאנג, אז די העברעאישע אויסגאבע פון זיינע ווערק זאל רעדאקטירט ווערען, ווען ס׳וועט נאר מעגליך זיין, דורך ביאליקן.

נאכדעם, אז איך האב מיך אבער געגומען פונאנדערקלייבען טיפער אין דער זאך, איז מיר דער ענין ערקלערט געווארען גאנץ פשוט און אט ווי אזוי:

כ׳האב מיך דערמאנט, „אז ווען אנ—סקי איז געקומען קיין ווילנע אין סעפטעמבער 1918, האט ער מיר אויסגעדריקט זיין גרויס באדויערען צוליב דעם וואס ער האט דעם יידישען כתב־יד פון זיינע „צוויי וועלטען״ איבערגעלאזען

צווישען זיינע געפעק אין מאָסקווע. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט ער מיר געבעטען, איך זאָל פאַר אים זען קריגען דעם ערשטען באַנד „התקופה״, וואו עס קומט אַריין די העברעאישע איבערזעצונג פון „דבוק״. דערביי האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וויל לויט דער העברעאישער איבערזעצונג אויפשטעלען צוריק דעם יידישען אָריגינאַל. אַנ—סקי האָט זיך דאַן אַרומגעטראָגען מיטן געדאַנק ווי ס׳איז צו געפינען די מעגליכקייט צו שטעלען דעם „דבוק״ אויף דער יידישער בינע. ווי איך האָב שוין געשריבען אין אַן אַנדער אָרט, איז ביי אַנ—סקין רעכט געווען אַריינצוגיין וועגען דעם אין אונטערהאַנדלונגען אַפילו מיט דער גאַנץ שוואַכער יידישער טרופּע, וואָס האָט דאַמאָלסט געשפּילט אין ווילנע. אין יענער צייט האָט זיך אין גאַנץ ווילנע געפונען נאָר איין עקזעמפּליאַר פון „התקופה״, וועלכען אַ יידיש-דייטשער אָפיציר (אַ ציוניסט) האָט מיטגעבראַכט פון בערלין. צופעליג האָב איך מיך פון דעם דערוואוסט, און דורך פאַרשיידענע פּראָטעקציעס האָט זיך מיר איינגעגעבען צו באַקומען דעם „התקופה״ פאַר אַנ—סקין אויף אַ וואָך צייט. פון דענסטמאָל אָן איז מיר די גאַנצע געשיכטע אַרויס פון זינען. אין אַנדערהאַלבען יאָר אַרום, בעת אַנ—סקי האָט אָפּגעדרוקט זיין „דבוק״, איז מיר גאָרניט איינגעפאַלען און ס׳איז מיר אויך ניט אויסגעקומען צו פאַרגלייכען אים מיט דער העברעאישער איבערזעצונג.

לויט דעם דאַרף מען אָננעמען, אַז אַנ—סקי האָט אויפן סמך פון ביאַליקס העברעאישער איבערזעצונג צוריק צוזאַמענגעשטעלט אין זכרון און רעסטאַווירט זיין „דבוק״ און האָט אים דערביי אין פיל ערטער איבערגעאַנדערשט און זאָגאַר קינסטלעריש איבערבאַשאַפען פון דאָס ניי. ביי קינסטלער איז דאָס, כידוע, ניט קיין נייס, אַז פון איין מאָל איבערשרייבען צום אַנדערען, קומען ביי זיי אַרויס זייערע קינסטלערישע שאַפונגען ווי ניי געבוירען.

דערצו וויל איך נאָך צוגעבען, אַז ביים רעסטאַווירען דעם יידישען „דבוק״ לויט ביאַליקס העברעאישער איבערזעצונג, האָט מיט אַנ—סקין געקענט טרעפען אַזאַ פאַל: הגם אַנ—סקי האָט פריי געלעזען און גוט פאַרשטאַנען העברעאיש, איז דאָך גאַנץ מעגליך, אַז ער האָט ניט באַהערשט די שפּראַך אויף אַזוי פיל, אום דורכצונעמען ביאַליקס סטיל מיט אַלע זיינע באַזונדערע שאַטירונגען און ניואַנסען. עס קען דעריבער גרייליך זיין, אַז ביי אַנדערע ערטער איז אַנ—סקי געבליבען שטיין, ניט פאַרשטייענדיג די ריכטיגע כוונה און מחמת דעם האָט ער דעם אומפאַרשטענדליכען זאַץ אינגאַנצען אויסגעמעקט און האָט אים פאַרביטען אויף אַן אַנדער זאַץ. דאָ האָט נאָך געקענט זיין אויך אַזאַ מין פאַל: אין ביאַליקס איבערזעצונג האָבען זיך אַריינגעגנבעט דרוק-פעלער, וועלכע האָבען מטושטש געמאַכט דעם פשט פון די ווערטער. ניט קענענדיג אויסגעפינען די פעלערען, האָט אַנ—סקי אַרויסגעוואָרפען די גאַנצע פראַזע און האָט אָנשטאָט איר אַוועקגעשטעלט אַן אַנדערע. צו דעם האָב איך אויך אַ שטיקעל ראיה:

אין דעם ערשטען אַקט, בעת סנדר גייט אַריין אין בית-המדרש און באַמערקט ווי מאיר דער שמש האַלט אין האַנט אַ פלעשעל בראַנפען, פרעגט

ער אים (לויט דעם העברעאישען טעקסט): „מה זה לפני איש"? דאָס זיינען לגמרי פיר אומפאַרשטענדליכע ווערטער, וועלכע קלעפּען זיך ניט איינער צום אַנדערען. א לאַנגע צייט האָב איך מיך געבראָכען דעם מח, קלערענדיג, וואָס דאָס קען באַדייטען און האָב ניט דערגאַנגען, ווייל אין אָריגינאַל איז גאָר אַזאַ פראַגע ניטאָ און ס'רעדט זיך דאָרטען גאָר עפּעס וואָס אַנדערש. ערשט שפּעטער האָב איך מיך ארומגעזען, אַז דאָ איז פּשוט א טעות-הדפוס און אַז ס'האָט געדאַרפט שטיין: „מה זה לפני? ייש"? (ד. ה. „וואָס זע איך דאָ פאַר מיר? בראַנפען"?). אַנ—סקי האָט דאָס ניט געכאַפּט און דעריבער האָט ער גענומען און אומגעאַנדערשט לגמרי דעם גאַנצען געשפּרעך (פאַרגלייך „צוויי וועלטען" זייט 28 מיט „שני עולמות" „התקופה" 1-טער באַנד זייט 246).

ס'איז דאָ נאָך א דריטע ווערסיע: אַז ביאַליק זאָל האָבען איבערגעזעצט דעם „דבוק" פון רוסיש, און אַז דערפון זאָלען דאָס שטאַמען די פאַרשיידענהייטען צווישען דיביידע טעקסטען.

פון דער ווערסיע האַלט איך אָבער ניט, און שטעל מיך דעריבער אויף איר ניט אָפּ.

ש. ל. ציטראָן.



# דער „דבוק" אויף דער בינע.

(אויפגעפירט דורך דער ווילנער טרופע אין ווארשע. סטיליזאציע און רעזשי פון דוד הערמאן).

דער „דבוק" איז געווען און געבליבן א טעמע.

מעשה דבוק איז געווען איינע פון די גלענצענדסטע טעמען אין דעם התלהבותדיגען און צארטען חסידיזם און אויך אין דער קעגנער־שיטה — ביי די מתנגדים.

מעשה דבוק איז געווען א רייצענדע טעמע פאר לומדים, משכילים, דיכטער ובתוכם אויך פאר אנ—סקין, וועלכער האט אנגעשריבען א „דראמאטישע לעגענדע" מיטן נאמען „דבוק" און אייגענטליך איז עס ניט קיין דראמאטישע ווערק אין א טעכניש־באארבעטער פארם פאר דער בינע, נאר א קאנגלאמעראט פון טעמען פאר א דראמאטיש ווערק (געבראכענער תקיעת כף, דבוק, דין תורה מיט א מת וכדומה).

אז אנ—סקי האט מיט עטליכע יאר צוריק געלייענט זיין „דבוק" פאר סטאניסלאווסקין, האט דער בארימטער גרינדער און מנהיג פון מאסקווער קינסטלערישען טעאטער אויסגעשריען:

— יא, דאס איז זעהר א שיינע און רייצענדע טעמע!

און איצט, אז דער „דבוק" איז אויפגעפירט געווארען אויף דער בינע, איז עס ווידער אמאל נאר א טעמע געבליבען פאר דער בינע און ניט קיין דראמאטישע בינע־ווערק אין פארמאל־קאמטער פארם.

איצט, אבער, איז די טעמע אויך פארפלאנטערט געווארען: אין „דבוק", אלס ווערק, איז צוגעקומען נאך טעמען, וועלכע עס האט צוגעגעבען די רעזשי פון דוד הערמאן, זיין אינטער־פרעטאציע און קאנצעפציע און פאראלעל מיט דעם איז באשאפען געווארען, אזוי צו זאגען, בכל תפוצות ישראל און אפילו ביי די אומות העולם אן אומאויסהערליכע טעמע ארום און וועגען דעם „דבוק" — א תפל, וועלכען מען האט געמאכט, אדער איז אליין געווארען אן עיקר...

קודם־כל מוז מען זיך אריענטירען אין דעת גאזען־טומעל, וועלכער האט זיך באשאפען ארום דעם „דבוק", אפטיילען דעם אמתן בראווא־געשריי, וועלכער גייט מעמקא דלבא ביי דעם ערנסטען צושויער, פון דער קלאקערישער מהומה און אזוי ארום קומען צום עיקר פון דער זאך.

אין דעם זין מוז מען באווייזען, אז דער נעגאטיווסטער מאמענט אין דעם איצטיגען „דבוק־טומעל" איז דאס, וואס מען האט עס געוואלט פארוואנדלען אין א פאליטישע דעמאנסטראציע... א פארשטענדיקונג צווישען יידען און פאליאקען האט געוואלט באשאפען ווערען דורכן „דבוק"...

די דאזיגע ברוטאלע וואקכאנאליע (בנוגע צו קונסט) האט זיך נאך מער פארשטארקט צוליב דעם מאטעריעלען ערפאלג, וואס די פארשטעלונגען פון „דבוק" האבען געהאט; און די ביידע מאמענטען, שטיצענדיג קעגנזייטיג איינער דעם צווייטען, האבען אויסגעוועבט „א געשעניש", וועלכע האט אפשר א גרויסע פאליטישע באדייטונג (פאר פאליטיק־מאכער...), נאר וועלכע צושטערט לחלוטין דעם קינסטלערישען עלעמענט פון דער זאך און רואינירט זיין „קולטור־רעלע באדייטונג פארן יידישען טעאטער.

אין געוויסע קרייזען, פאר וועלכע קונסט איז אויך פאליטיק (פערזענליכע אדער געזעל־שאפטליכע—קיין נפקא מינה ניט) וויל מען נאך עד־היום די דאזיגע נעגאטיווע ערשיינונג אויסטייטשען און אונטערשטרייכען אלס באווייז פון קונסט־ערפאלג פאר דער יידישער בינע!...

און נאך: כדי אונטערצושטיצען די דאזיגע מיינונג ווייזט מען אן דערויף, וואס אפילו „זיי", די גרויסע קונסט־חרטומים פון די אומות העולם, האבען באוויליגט צו קומען אויפן בייז וואונדער און—א שמחה! — עס געפעלט זיי דער „דבוק", „זיי" ריידען וועגען דעם צווישען זיך, „זיי" זאגען דאס בפומבי... הכלל—ס'איז א שמחה!...

דער־מאמענט איז אגב זעהר א אינטערעסאנטער צוליב דעם, וואס דא קומט פאר א איינפאכע מיספארשטענדעניש: דאס ניט פארשטיין דעם „דבוק" דורך די ניט־יידישע שוישפילער איז אויסגענוצט געווארען לטובת דעם פאליטיש־קולטורעלען טומעל ארום דעם „דבוק".

פאר יעדען ערנסטען באטראכטער איז קלאר, אז ווען עס וואלט אויפגעפירט ווערען

ניט קיין סטיליזירט ווערק, נאר אנ—סקיס „דבוק", וואלט עס די פוילישע ארטיסטען גארנישט געזאגט, אלענפאלס נישט מער ווי וויספיאנסקיס „וועסעליע" רעט צום הארצען פון א ליטווישען ייד (א ראיה לדבר איז, אז אלע ספעציפיש יידישע מיליע־פיעסען ווערען דורך די דאזיגע פוילישע ארטיסטען ניט באזוכט).

דער „דבוק" איז, אבער, סטיליזירט געווארען אזוי, אז דאס קען זיין לויטן פילאזאפישען אינהאלט א פוילישע ווערק אזוי גוט ווי א יידישע, און פארהילט איז עס אבער געבליבען אין דער יידישער קאפאטע, צוגעהירצט מיט קיטלען, שווארצע ליכט, שופרות, טליתים,—חפצים ספעציפיש־ריטועלע, אומגעוויינליכע,—דעריבער האט דער פוילישער ארטיסט—דער ראפינירטסטער שוישפילער, נאר דער גרויסער עם־הארץ אין יידישע ליטעראטור און מיליע—געקראגען התפעלות פון דאס דערזעהענע:—ביי יידען, הייסט עס, דיינקט מען אויך? זיי פארמאגען אויך דראנג צו קונסט!... מיר האבען עס גאר ניט געוואוסט (פונוואנען זאלען זיי עס וויסען??). פיין! מען קען זיך מיט זיי חברן...

אט דאס איז, אייגענטליך, דער סוד חכמוס פון דעם, וואס „אפילו זיי" אנערקענען אונז, און גראד אט די אנערקענונג—ווי ווינשנסווערט זי זאל ניט זיין פאר אונז,—שפירט זיך אין איר א באליידיגונג, איבערהויפט נאך צוליב דעם, וואס די שמחה איז א געגארטע:—זיי פארשטייען דאך ניט דאס יידישע פון דעם „דבוק"...

דאס אלץ, פארשטייט זיך, איז פסולת פון דער זאך; צוליב דעם געווירבל און אפשטויסענדען טומל, וואס מען האט בשוגג אדער במזיד געשאפען ארום דער זאך, האט מען דעם תוך גאר פארגעסען, עס עקזיסטירט נישט מער אנ—סקי, עס רייצט ניט זיין ווערק, נאר עס רייצט דאס, וואס סאלסקא און וויסאצקי האבען באזוכט א פארשטעלונג,—דאס איז ליידער געווארען דער עיקר.

וואס דער יידישער טעאטער קען פון אזא שטעלונג געווינען—פארשטייט יעדער ערנסטער מענש, וועמען ס'איז טייער די פראבלעם פון יידישען טעאטער.

אזוי אהום, אפווארפנדיג די שאלאכץ, די פסולת קען מען אריבער גיין צום וויכטיגסטען, צום תוך—צו דער אינטערפרעטאציע און קאנצעפציע פון ה' דוד הערמאן, און צו דער אינטואי־טיוו־קינסטלערישער פארווירקליכונג פון „דבוק" אויף דער בינע דורך די ארטיסטען.

עס איז דא א באוואוסטע טראדיציע,—אז א רעזשיסער—ס'פארשטייט זיך א קינסטלער—האט דאס רעכט צו אינטערפרעטירען, צוגעבען, מאכען קופיורען אין יעדען דראמאטישען ווערק, וואס ער דארף אויפפירען אויף דער בינע.

ניט נאר די זעקס־זיבען־אקטיגע דראמען פון דער פסעודא־קלאסישער עפאכע, נאר אפילו שעקספירען קארעגירט מען אויך און דוקא דאס דאזיקע קאריגירען מאכט שעקספירס ווערק מער בינעמעסיג. און טאמער האט גארדאן קרעג געפרובט אויפפירען האמלעט אן קופיורן, דהיינו אלע עטליכע און צוואנציג בילדער מיטן פולן טעקסט, איז עס אפילו אין מאסקווער קינסטלע־רישען טעאטער דורכגעפאלען, ניט קוקנדיג אויף אלע מיטלען, וועלכע זיינען אנגענומען געווארען צוליב דעם מצד דער רעזשיסור (קובישע פיגורען, פרימיטיווע לייוונטען, נאר ליכט שפיל, אן פארביגע דעקאראציעס, כדי מען זאל ניט דארפען טוישען.)

דאס דאזיקע רעזשיסירען־רעכט איז אבער געגעבען געווארען נאר כדי צו פארשטארקען, בולטער מאכען דעם געדאנק פון מחבר (ווי בכלל בינע, אלס פלאסטישע פארקערפערונג פון געדאנק, סימבאל א. א. וו.), אבער ניט צוליב אפשוואכען און אפשיטאן נישט צוליב ענדערען דעם געדאנק פון מחבר, ווען אפילו אין באנטרעפנדען ווערק זיינען דא סתירות.

צי האט ה' דוד הערמאן מיט זיין אינטערפרעטאציע און קארעקטור פארשטארקט און בולטער געמאכט דעם געדאנק פון ש. אנ—סקי?

צי האט אנ—סקיס „דבוק" באקומען „תיקון" דורך ה' הערמאנס טראקטאציע?

אויף דער דאזיקער פראגע איז דא נאר איין ענטפער:

— ניין!

דער ה' הערמאן האט אפשר באשאפן א שטארקערע בינע־ווערק איידער אנ—סקיס „דבוק",

מעגליך, אז פאר הערמאנס חשיק איז גאר א חסרון, וואס זי גייט אונטערן טיטול פון אנ—סקיס „דבוק״,—ניט דאס אבער אינטערעסירט אונז איצט, דא איז גאר וויכטיג פעסטצושטעלען, אז הערמאנס „דבוק״ האט קיין שייכות ניט צו אנ—סקיס און אט פאר וואס:

אנ—סקיס „דבוק״ איז אין גאנצען חסידישע ראמאנטיק, אינטעלעקטועל־התלהבותדיגער מיסטיציזם, דערפון הויבט ער אן און דערמיט ענדיגט ער זיין דראמאטישע לעגענדע:

„מחמת וואס, מחמת וואס
איז די נשמה
פון העכסטער הויך
אראפ אין טיפסטען גרונט?
דאס פאלען טראגט
דעם אויפקומען אין זיך״...

אט איז קלאר און בולט אויסגעטייטשט דער גאנצער אינהאלט פון ווערק. קריסטאל־ריינער מיסטיציזם.

פון דאנען איז קלאר פאר וואס חנן איז ניט שוה בשוה מיט גמרא: גמרא איז צו טרוקען,—זי לאזט ניט פליען צום הימעל און א מענשליכע נשמה מוז צום הימעל פליען...

די בטלנים דערציילען די גדלות פון ר׳ דודל טאלנער, ר׳ ישראל רוזשינער א. א., זיי פליען אין הימעל אריין. קומט דער משולח און דערציילט, אז „דער אגיפאליער האט ניט קיין גאלדענע פאנטאפעלעך, איז אומגעגאנגען אין א לייווענטענעם קאפטען און פון דעסטוועגען...״ לאזט אים דער ערשטער בטלן ניט ריידען און ערקלערט אים, אז ער פארשטייט ניט פון וואס דא האנדלט זיך,—דער תמצית הדבר איז, אז „די פערד זיינען גאר קיין פערד ניט געווען און די פאנטאפעלעך זיינען גאר קיין פאנטאפעלעך ניט, דאס אלץ איז גאר א דמיון...״

דער משולח, וועלכער אילט זיך ער זאל ניט פארשפעטיגען ערגעץ וואו צו ברייגגען די רעכטפארטיקייט, דעם אמת, דעם יושר... דער משולח, וועלכער איז לויט זיינע מעשים, דוכט זיך, ווייט פון סענטימענטאליזם, אט דער משולח ווערט אנטשוויגען פאר דעם מיסטישען גלויבען, פאר דער מיסטישער ראמאנטיק, ווייל אייגענטליך איז דער משולח אויך א ברענענדיגער חסיד, ניט ווייניקער פון אלע מיראפאליער, ער דערציילט אויך מיט גרויס התפעלות „א גוט ווארט״, „א ניי שטיקל תורה״ פון רבין (די געשיכט מיטן שפיגעל), נאר זיין התלהבות שטעקט ניט נאר אין אינטעלעקטועלען מיסטיציזם, אין פארטיפען זיך אין זיך, נאר אין מעשים, אין באוועגונג, אין דינאמיק—ער רוט ניט, ער גייט פון ארט צו ארט, פון שטאט צו שטאט, ער ווארענט, ער דערלאזט ניט מענשען זאלען געשטרויכעלט ווערען, ווייל ער האט זיי ליב, ווייל ער איז א חסיד מיטן גאנצען הארצען, מיטן ברען, ער איז גאר דער חכם, וואס עיניו בראשו אויך דערצו.

דאס איז פאנטאסטיק.

דער משולח איז דער, וואס פארקערפערט די פאנטאסטיק, דער וואס לייטערט מענשליכע נשמות, דער וואס גיט זיי זייער „תיקון״. דער משולח איז דער, וואס שטייט „צווישען צוויי וועלטען״ און בינדט זיי צוזאמען.

אין אנ—סקיס „דבוק״ קומט דער משולח כדי צו ראטעווען צוויי נשמות—אויסלייזען חנן׳ס אויסגעלייטערטע נשמה און באפרייען לאה׳ן פון דעם דבוק.

ניט קיין בייזער נביא, וואס באשטראפט איז ער, נאר א משולח פון גאט ברוך הוא, וועלכער ליבט מענשליכע נשמות, לייזט זיי אויס, באפרייט זיי, גיט זיי זייער „תיקון״, נאר אין דער זעלבער צייט ווייס דער משולח—דורך רוח הקודש,— אין דעם באשטייט דער יסוד פון דער זאך בכלל—אז „דער חתן וועט קומען באצייטנס״.

אלע העלדען פון אנ—סקיס „דבוק״ זיינען פול ליבע, ווייכע, צארטע און מיסטישע (ניט לירישע), זיי אורטיילען שטענדיק לטובת די לעבעדיגע, זיינען בכלל דן לכף זכות, אלץ עקזיסטירט ביי זיי פאר דער לעבעדיגער נשמה, און האט פאסירט אן אומגליק—לאה איז

געשטאָרבען, בלייבט דער מיראַפּאָלער צדיק געבראָכען און ביי אים רייסט זיך אַרויס אַ ווייגעשריי—„פאַרשפּעטיגט!״ און ווידער דער מיסטישער אַקאָרד:—ברוך דיין אמת...

ה׳ דוד הערמאַן האָט פאַרטוישט דעם מיסטיציזם אויף סימבאָליזם, די חסידישע ראָמאַנטיק—אויף עראָטישען ליריזם.

פאַר דעם סימבאָליטרעגער האָט ה׳ הערמאַן געמאַכט דעם משולח. ער האָט אים פאַרוואַנדעלט אין אַ „עמיץ אין גראָהען״—אין אַ שוואַרצע קאַפּאָטע, מיט באָרד און פּיאות שוואַרצע, וועלכער רעט ניט מיטן חסידישען ברען און מיט ליבע צום לעבעדיקען, ער זאָגט נביאות, שרעקט מיט זיין אָנוועזענהייט, גייט אַרום ווי אַ „ניט היגער״... און אַז ה׳ הערמאַן האָט מיט איין מאָל באַפעלען דעם משולח טענה׳ן פאַרן מת אויך, איז ער געוועזען לויט זיין אינטערפּרעטאַציע נאָר קאָנסעקוועגט: ה׳ הערמאַנס משולח איז אַ קאַלטער מתנגד, וועלכער היט אַ-דין, אַ באַשעפעניש, וועלכע שיינקט ניט קיין עולה אפילו אַכשוגג׳דיגע, ער איז אַ בייזער נוקם ונוטר פאַר אַ געוויסען-פעלער, אַ שלעכטער פּראָקוראָר, אומעטום דרייט ער זיך ווי אַ פּאַטום, קאַלט און פאַרגליווערט ווי אַ ליימענער גולם, אַכזריות׳דיג ביז צו דערלאַנגען דעם „איבעריגען קיטל״, בייז, מיט אַ דראָהענדע חוזרת (חגם, אַז מען געוויינט זיך צו, דערשפּירט מען, אַז דאָס איז אַ גולם און מען הערט אויף פאַר אים מורא צו האָבען...)

דאָס איז סימבאָליזם...

ביי אַנ—סקין וויל חנן זיין שטרעבען צו לאָה׳ן הייליגען דורך צרופים, סוגיות, מקואות, תענתים, ער זוכט וועגען, ווי אַזוי ניט געשטרויכעלט צו ווערען, ער דערגייט אין זיין מיסטישער הייליגונג ביז דעם צווייפאַכיגען שם, דורך וועלכען ער הערט געניזקט,—דאָס איז דער העכסטער חסידישער ראָמאַנטיזם.

ביי הערמאַנען איז חנן׳ס העכסטער נשמה-אויסדרוק—שיר השירים.

און שיר השירים איז אַ בולט׳ע, רעאַלע לירישע זאַך, וועלכע פּאַסט זיך בשום אופן ניט איין אין אַ חסידישע ראָם.

און אויב די ראָם איז ניט קיין חסידישע, דאַן איז עס שוין נאָט דער „דבוק״.

אַזוי איז דער חסידישער ראָמאַנטיזם פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין עראָטישען ליריזם, וועלכער דאַרף לחלוטין ניט קיין טלתים, קמעות וכדומה...

אַנ—סקי האָט אין זיין „דבוק״ באַוויזען די חסידישע ברייטקייט—דעם אָרעם-מאַלציט באַ סענדער בריניצער—אין דער גאַנצער גרייס, מיט איר גאַנצער צאַרטקייט, אויף וועלכע אַ חסיד איז מסוגל, בעת ער מאַכט חתונה זיין בת יחידה,—דאָס איז אַ הויפּט-שטריך, אַגרונדשטריך אין אַנ—סקיס ווערק, אויף אַזעלכע שטריכען איז זיין גאַנצע דראַמאַטישע לעגענדע געבויט.

הערמאַן האָט עס אַרויסגעוואָרפען; אַנשטאָט דאָס אינטערעסאַנטסטע און מאָנומענטאַלע פון „דבוק״ האָט ער באַוויזען אַ סכעמאַטישען שטריך פון אַ Danse Macabre, וואָס עס פאַרטוניקעלט לחלוטין די „לעגענדע״, וועלכע אַנ—סקי האָט מיט אַזאַ ליבע און צאַרטקייט געשאַפען פאַר אונז.

עס איז קיין חידוש ניט, אַנדערש האָט ה׳ הערמאַן ניט געקענט, דאָס ווייגען קאָנסעקווענצען פון זיין קאָנצעפּציע: אויספּאַסענדיג די זאַך סימבאָליש, האָט ער זיך ניט געקענט מיט אַמאָל אַרייג׳יסען אין רעאַליזם, שפּרינגען פון מיליע אין מיליע—דאָס וואָלט אין גאַנצען געשטערט זיין ליניע.

ביי אַנ—סקין פאַלט אַריין אַ יידינע אין שול אַריין גאָט בעטען פאַר אַ יונג ווייבעל, וואָס גייט שווער צו קינד, זי בעט די בטלנים אויך גאָט בעטען און אַלץ קומט ביי איר אויס אַזוי פרום, האַרציג און ווייך, אַז עס מאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק.

הערמאַן האָט געקרוינט די יידינע מיטן סימבאָלישען נאָמען שרה בת טובים (בכיון אונטערגעשטריכען, דאָס איז שוין גאָרניט קינסטלעריש!) און דער תחינה-יידענע האָט ער געהייסען ניט תחינה זאָגען, נאָר אויסשרייען אַ סימבאָלישע פראַזע:

—„יידען, זייט מתפללו!״ און פאַרשווינדט, ניט לאָזענדיג נאָך זיך קיין שום איינדרוק.

ווייל דאָס קלעפּט זיך ניט צו דער גאַנצער זאַך און אַלס „פילאָסאָפישער“ שטריך איז עס צו עפּיזאָדיש...

און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

אַנ—סקיס „דבוק“ איז אַ הייסע, טיף יידישע ווערק, אַ פאַרנעפּעלטע חסידישע לעגענדע, וואָס לייטערט די נשמה און פרייט דאָס האַרץ.

הערמאַנס „דבוק“ איז אַ קאַלטע, לחלוטין ניט קיין יידישע ווערק (יידיש איז זיין „דבוק“ נאָר דערפאַר, וואָס עס קומט פאָר אין אַנ—סקיס סביבה), אַ סימבאָליש-פילאָסאָפישער בילד, וועלכער שרעקט און מאַטערט מיט זיינע דראָהענדע הזהרות.

אַזוי אַרום האָט הערמאַן געשאַפן אָדער געוואָלט שאַפן אַ גאַנץ אַנדערע זאַך, וואָס ער האָט אָנגערופן מיטן נאָמען „דבוק“, נאָר וועלכע האָט אַנ—סקיס „דבוק“ קיין תיקון ניט געבראַכט און האָט צו זיין אינהאַלט קיין שייכות ניט.



## דריטער אַקט:

ר׳ עזריאל איז גוזר דעם דבוק ער זאָל פאַרלאָזן דעם גוף פון לאה.

נאָר האָט שוין ה׳ הערמאַן זיך גענומען צום סטיליזירען, האָט ער באַדאַרפט זיין אויסגעהאַלטען אין זיין סטיליזאַציע, ניט ריידען קיין האַלבע ווערטער, ניט שטיין צווישען צוויי וועלטען, צווישען רעאַליזם און סימבאָליזם, טושירנדיג הן די, הן יענע וועלט.

שוין אין פּראָלאָג, וואָס הערמאַן האָט צוגעבויט צום „דבוק“, וואַרפט זיך אין די אויגען די ניט אויסגעהאַלטענקייט פון סטיל: לאה און חנן—צוויי נשמות, וואָס שטרעבען און ציען זיך צום הימעל (מיט זייער עראָטישקייט: איינער הויבט אָן און דער צווייטער ענדיגט די פּיעסע מיט שיר השירים), טאָ פאַר וואָס שטייט חנן אַ געבויגענער? אין פּראָלאָג איז ער דאָך נאָר אַ סימבאָל, קיין ראָל פון אַ פאַרטיפטען מקובל שפּילט ער דאָך ניט, דאַרף ער דאָך געבען אַ גראַדע ליניע אין דער הויך!

און וואָס טוט דאָ, ביי דעם עראָטישען פאַר פאָלק, דער טרוקענער מתנגד, דער משולח? וואָס הייסט ער דאָ?

און אויב ה׳ הערמאַן האָט מיטן פּראָלאָג, אין דער פאָרם, געוואָלט אויסטייטשען זיין אינטערפּרעטאַציע—שיר השירים און עמיץ אין גראָהען—טאָ ווי קומט אַ הער אַ טלית? אויב שוין סטיליזירט דורך טליתים, האָט דער טלית באַדאַרפט געגעבען ווערען ביי ר׳ עזריאלקען אויף

א מחיצה פון מת, דארפען וואלט געהען ווירקליך סטיליסטיש צו אפצאמען זיך פון מת מיט א טלית, וועלכער גיט שטימונג פאר יענעם מאמענט, און ניט מיט א ליילאך *).

בכלל איז דער פראלאג א שיינער פרט, נאר ער איז לחלוטין ניט אויסגעהאלטען אין סטיל.

די שטייגונגס-מאמענטען קומען אויס ביי ה' הערמאן פארקערטע; אזוי למשל: די ניגונים, וואס די בטלנים זינגען מיט טענדער בריניצער, קומען אויס אזוי, אז בעת מען דארף א פריילעכס זינגט מען א אומעטיגס און אפשטאט א מינארען חבד-ניגון זינגען זיי א פריילעכס.

דער פאליש, אין וועלכען עס שפילט זיך אפ דער ערשטער אקט, איז מער ענליך אויף א חדר שני און דעריבער איז ניט צו פארשטיין, וואס פאר א נישע איז עס אין הינטערגרונט און ווי אזוי קומט אהין אן ארון קודש.

דער טויטען-טאנץ איז א שיינער פרט, נאר אין דער פארם, אין וועלכער דאס איז געגעבען געווארען, האט עס קיין באדייטונג ניט. וואלט געגעבען ווערען דער אלגעמיינער טאנץ, ווי דאס קומט פאר לויט אנ—סקים/ אינטערפרעטאציע, און עס וואלט זיך פארענדיגט מיטן Danse Macabre, וואלט עס געווען חן סטיליסטיש און הן סימבאליש אויסגעהאלטען, לויט דער קאנצעפציע: אזוי אבער, אין דער געגעבענער פארם, איז עס א באזונדער גליד פון א פרעמדען קערפער.

די דעקאראציעס פון צווייטען אקט זיינען ביליג, פלאקאטמעסיג און שלאגען אין גאנצען ארויס פון שטימונג. איבערהויפט איז אומפארשטענדליך די לאמטערן פאר דער שול,—דאס איז דאך א לאמטערן פון א וועגעדיגער שיינקעל, אבער ניט פון א שול.

אין דריטען אקט איז דא א פארבען-שפיל, — שווארץ און ווייס, צי דען אבער צוליב דעם בלייבען גראד די צוויי דיינים אן קיטלען, בעת זיי האבען די ערשטע, אלס דיינים, באדארפט אנטאן קיטלען?

פאר וואס און צוליב וואס הייגט ביי ר' עזריאלקען א שווארצער פרוכת איבן שראנק?... פאר וואס און צוליב וואס הייגט אויף ר' עזריאלקע אויף דעם שווארצען פרוכת צוויי ווייסע קיטלען? ווי קומט עס, אז ר' עזריאלקע, וועלכען די חסידים לאזען ניט קיין איבעריגע פסיעה מאכען, זאל אליין בכבודו ובעצמו די קיטלען הייגען? צו וואס הייגט ער זיי אויף?

צוליב פארבען-שפיל? סא פאר וואס ר' עזריאלקע?

הערמאן האט דאס רעכטע פארביטען אויף סימבאליש, וואס די שוישפילער צעניוס-געטריסט, צוזאמענצאפט, פארקלענערט, סא ווי אזוי האט ער פארלארען די פראפארציע און האט ארויסגעלאזען א צדיק, וועלכער צושטערט די גאנצע צעטראגענשטיקטע קאנצעפציע מיט זיין קאלאסאלער פיגור, מאטעטאוואשטים און עקספרעסיווע באוועגליכקייט?

אויב דער שלוס פון פיעסע זיינען די צוויי באליוסען פון קאנצעפציע—שיר השירים און דער משולח, דאס זעלבע מיט וואס די פיעסע הויבט זיך אן, סא צוליב וואס קומט נאך ארא פון זיינע עולמות העליונים ר' עזריאלקע מיטן „פארשפעטיגט"?

וואו איז די אויסגעהאלטענקייט פון סטיל?

פון דעם, אלעס איז צו מערקען, אז ה' הערמאן האט געהאט א קאנצעפציע און האט אבער דערביי ניט געהאט קיין קלארען פלאן פון רעזשי; ער האט צוגעטראכט פרטים, וועלכע זיינען אן און פיר זיך זעהר פיין, נאר זיי זיינען ארגאניש ניט ארייגעשלאסען געווארען אין דער קאנצעפציע...

און דאך מוז מען באהויפטען, אז אין דער קאנצעפציע אליינסאלס האט ה' הערמאן ארייגעלייגט אזוי פיל ליבע, ארבעט און אויפמערקזאמקייט, אז ער האט זי אויפגעהויבען אויף א באדייטענד הויכע מדרגה.

פון הערמאנס קאנצעפציע איז קלאר, זי זאגט לחלוטין גארנישט דער יידישער הארץ, נאר דאס, וואס דער „דבוק" איז דורך אים אויסגעפירט געווארען בכלל און האט געבראכט דעם

*) אגב דאס איז ביי אנ—סקין אויך דורכגעלאזען.

געגענזאַרסיקען חסיד (ניט דעם פוילישען אַרטיסט) כאַטש אויף אַ שעה אין טעאַטער אַריין— איז אַ גרויסער פאַרדינסט פון ה׳ הערמאַן.

ווי האָבען די אַרטיסטען פון ווילנער טרופּע דעם „דבוק״ געשפּילט?

אויף דער פראַגע איז זעהר שווער צו ענטפערען. אייגענטליך געשפּילט האָט נאָר דער ה׳ מאַרעוויסקי (ר׳ עזריאלקע מיראָפּאָלער), געשפּילט אינדיווידועל, אינטואיטיוו, ווי גאָט האָט געבאָטען; אַלע אַנדערע האָבען ניט געשפּילט, נאָר אַרויסגערעדט דאָס, וואָס מען האָט אין זיי אַריינגערעדט. אַזוי למשל, איז לחלוטין פאַרטעמפּט און פאַרשריבט געוואָרען דער שטימ-באַוועגליכער אַרטיסט נאַכבוש (משולח), אין גאַנצען פאַרדאַרבען און אָפּגעמעקט די אינדיווידו-אַליטעט פון פר׳ אָרלעסקאַ (לאה). אַ צער פּשוט צו זען ווי די אַרטיסטין פּלאָגט זיך צוליב די אומנאַטירליכקייט פון שפּילען.

זעהר שיינע מאָמענטען זיינען דאָ ביי ה׳ שטיין (חזן), ביי ה׳ זשעליאַזאָ (ערשטער בטלן) און ה׳ וויסליך (סענדער בריניצער). ליידער האָב איך ניט געזען דעם ה׳ קאָוואַלסקי אין ראָל פון סענדער, וועלכע ער שפּילט, ווי מען זאָגט זעהר גוט.

אַ גוטען איינדרוק מאַכט דער מאָמענט, ווען די בטלנים מיט סענדערן זינגען און מאַכען אַ ריקודל אין ערשטען אַקט.

צום שלוס—אַ פּאָר ווערטער וועגען די „ווילנער״.

מיט גרויס דרך ארץ דאַרף באַטאָנט ווערען די פּיעטעט, וואָס די ווילנער טרופּע האָט אַרויסגעוויזען צו דער אויפפירונג פון „דבוק״. דאָס דאַרף אומבאַדינגט פאַרצייכענט ווערען אין דער געשיכטע פון יידישען טעאַטער.

מ. עלקין.



אַלגעמיינער שלוס-בילד פון „דבוק״:
ר׳ עזריאלקע: „פאַרשפּעטיקט! ברוך דין אמת״.

# די יונגע יידישע פּאָעזיע.

## I.

## מ. קולבאַק.

### א.

דאַכט זיך אַזאַ יונגער, געזונטער דיכטער, מיט אַ ברויזנדיגען קוואַל פון יוגנט-פרייד — און אין דער אמתן בלאָנזשעט ער גאָר אום מיט אַ שטייפען טויטן-שלייף פון בלינדען אומרו אויפן האַלז, אויף אַ שוואַרצע זעגל-שיף פון זיין און פרעגט זיך נאָך און פרעגט זיך נאָך:

„אָ ערד, אָ ערדעניו, ווער זיינען מיר?

—מאַטראָסן פינסטערע ביי דיר, ביי דיר...“

פון וואַנען-זשע נעמט זיך די אומפאַרשטענדליכע סתירה אין נשמה פון קולבאַקן? ווי קומט עס, אַז אַזאַ יונגער מנגן, וואָס באַרירט ערשט דאָס ערשטע מאָל די סטרונעס פון לעבען און צוגיסט זיך מיט אַ ברייטער גליק-פאַרפלייצונג — פאַלט אַריין אין אַזאַ וויסטער מרה-שחורה?

איך מיין, אַז דער בלינדער אומרו און געהיימער פחד, וואָס לאָקערען אויף אים אין אַלע ווינקעלאַך פון שטאָט—איז דער פחד ניט נאָר פון אים אליין: דאָס איז אַ געפיל פון מורא, וואָס נעמט אַמאָל אַרום אַ גאַנצען דור; די מיסטישע שרעק, וואָס וואַרגט דעם גאָרגעל מיט דאַרע סקעלעטען-פינגער, דאָס איז דער פאַרטייעטער אָטעם פאַרן גורל, וואָס קריכט נאָך אין אונזערע נערוועזע מוחות ווי דער צווילינג אין צווייפיסיגען שאָטען און שרעקט אונז מיט זיין משונהדיג אומפרצופדיגען געזיכט פון בלינדקייט...

ס'איז דאָס באַקאַנטע געפיל, וואָס קומט פון אויסען, ווי די מורא פאַר אַ וועלט-קאַטאַסטראָפע אין אַן אָנזאָג פון אַ שוואַרצען שטערען און אַ פלוצלונגען דרייצנטען קלונג פון אַ שטאָט-זייגער אין טיפעניש פון נאַכט אָדער אונטער-ערדישער ברום אויף אַ פאַרלאָזענעם בית-עולם...

די סתירה פון קולבאַקס נשמה ווערט פאַרשטענדליך דעמאָלט, ווען מיר

קוקען זיך צו צו אלע וועג-דרייענישען, וואָס ס׳מאַכט דורך דער דיכטער אין זיין „על מה אני עמל״-זוכעניש אין וועלטליכן אין סוף...

קולבאַק קומט מיט אַ פאַרפלאָנטערטען קנויל פון זיין נשמה—מיט רויטע, בלויע, גרויע—פאַרשיידענפאַרביגע געשטריק-און געהירן-קאָמבינאַציעס פון זיין נערווען-צעוויקלעניש. ער איז זיך סותר אין לעבענס-פאַרשטייך, אפשר אין זיך אַליין, נאָר דאָך אַנטוישט ער זיך קיינמאָל ניט. ער איז געקומען אין לעבען פון אַ גליקליך אָרט און דאָרט וועט ער תמיד געפינען אַן אָפּרו פאַר זיין מידען גוף:

„איך גיי אין דאָרף, וואו די אַלטע כאַטעס וועבען
די שטילע פרייד פאַר דעם פאַרטיילטען גייער,
וואָס בלאָנדזשעט גלייך מיט מיר פאַרביי דעם לעבען
און רופט און שילט און קלאַפּט אין זיין פאַרמאַכטען טויער
און רופט און שילט און קלאַפּט אין זיין פאַרמאַכטען טויער״...

פונקט ווי מאַרקיש, קומט ער פון פרייען פעלד אין שטאָט אַריין, ביידע זיינען זיי פאַרשכורט פון די משוגע-יונגע פאַרטאָגען, וואָס באַפייכטען זיי מיט פרישע טוי פון שמעקעדיגע ערד און גיסען אַריין אין זיי קוואַלען פון יוגענט-פרייד. זיי זיינען גרייט פון גרויס התפעלות זיך צו קושען מיט יעדען לעבעדיג און ניט-לעבעדיג נפש.

מאַרקיש פאַלט צו פון גרויס אַנטציקונג זיך צו קושען מיט אַ פערד—
קולבאַק ווענדט זיך צו דער וועלט:
וועלט!
„אין טויזענט פנימער פאַרשטעלט
איך גיי צו דיר אויף טויזענט וועגען
— — — — — — — —
...איך וויל אַרומנעמען דיין מעכטיג ווילדען גוף
פון פלאַנצען
פון געשטיינען
און פאַלגדיג צו קושען דיינע טריט״...

ביידע זייען זיי סטיכייאיש-ווילד, ביידע געפאַנגען פון דער פרייער וועלט-הפקרות, גיבען זיך איבער איר רשות און הפקרדיג-צעווילדעוועט שפּאַרט אין זיי אויף די יונגט-פרייד, ווי סין „אַן אַלטען ליימענעם געשיר״, ווי אַלטער ברויזנ-דיגער וויין, וואָס מיט זיין שוימיגער קראַפט פון יערען זעצט ער אַרויס פון זיך דעם שפונט...

די דאָזיגע סטיכייאישקייט איז אָן שום ספק אַ נאַטירליכע און האָט אויסגעשפּרודלט גראָד אין דער רעכטער צייט, ווען דאָס אויפשליסען זיך פון אַלע שאַפונגס-קוואַלען איז געווען אָפּגעוואַרט. ס׳איז פאַראַן דערצו פסיכאָלאָגישע סיבות, וועלכע כ׳וויל דאָ פאַרבייגייענדיג אונטערשטרייכען, אָנווייזענדיג אַגב אויף די דירעקטע אָפּשטאַמונג, אויפן שלשלת היוחסין פון די נייע שאַפונגס-פאָרמען.

אויסמען, דער ערפינדער פון אַ נייעם סינטעטען איך-בויגמאַל,

מיט זיין אייגנליבע צום געשלעכט און מענליכען, האַריג באַוואַקסענעם לייב, וועלכענס אונטערן-אָרעם ריח איז פאַר אים שמעקעדיגער פון תפילות, און ווערכאַרן, וואָס איז אַוועק פון געזונטען, פרישען, פלעמישען דאָרף אין עסעדיגע פאַבריק-רויכען פון שטאָט אויף צו געפינען אַ תקון פאַר זיינע פון הייסען טשוגון אויסגעגאָסענע לידער, — אָט זיינען די צוויי וועלטליכע וואָרט-גאונים, וואָס האָבען געהאַט אַזאַ גוואַלדיגע השפעה אויפן יונגען דור פרוכטבאַרע יידישע דיכטער מיט קולבאַקן בתוכם.

וואו-זשע ליגט די סבה פון דער השפעה?

איך מיין אין דעם, וואָס אי אואיטמען, אי ווערכאַרן זיינען קודם כל סטיכייאיש.

נאָכדעם, ווי די אונטערערדישע שאַפונגס-כוחות האָבען פון אונטער די שטילע איינהאָרן-מאָטיווען ארויסגעשפריצט, ווי אַ מעין המתגבר, האָט מען זיך געמוזט ווענדען צו עמיצען נאָך פאַרצוימונגס-מכשירים, נאָך כלים אויף אָנצופולען די שטראָמענדיג-שפאַרענדיגע עמאָציעס — איז מען געקומען צו אָט די ביידע דיכטער.

ניט קוקענדיג דערויף, וואָס צווישען שאַפונג פון אואיטמען-ווערכאַרן ליגט אַ גאַנצער תהום, האָבען זיי דאָך עפּעס שותפותדיגס, וואָס סהאָט זיי אויסגעגלייכט אויף די בלינדע שאַפונגס-וואַגשאָלען פון אונזער פּאָעזיע. ביידע האָבען זיי פון זיך אָפּגעשאָקעלט דעם שטויב פון אַלטען קונסט-קאָטעכיזיס און געשאַפען יעדער פאַר זיך אייגנאַרטיגע פאָרמען און דינים פון ריטמיק: אואיטמען—צושריבערט ווילדע, ווי זיינע געזאַנגען און ער אליין; ווערכאַרן—געשמידטע, ווי זיינע געגאָסענע לידער.

דאָס איז די אויסערליכע זייט פון דער סיבה. ס'איז פאַראַן אָבער נאָך אַן אינערליכע: בעת די ביזאַהעריגע פּאָעזיע אונזערע איז געווען פאַרנומען מיט גאָלע רוחניות (אומעט, שטילע פייזאַזשען, נאַציאָנאַלער טרויער) איז אין דער נייער ווענדונג צו באַמערקען אַ שטאַרקע נטיה צום גשמיותדיגען אין מענשליכע איבערלעבונגען און אויפנעמונגען (ברויזענדיגע יוגענט-פרייד, קערפּער-געזאַנגען, נאַכטישער שטאָט-גליווער). אָט די גשמיותדיגע איינגעשאַפּטען זיינען ווי מאָנאָ-פאָליזירט געוואָרען דורך די אויבענדערמאָנטע פּאָעטען; דעריבער זיינען זיי געוואָרען טאַקע ווי פאָרשעפּער פון אונזער נייער תקופה.

אויך קולבאַק, ביי זיין גאַנצער אייגנאַרטיגקייט, איז באַאיינפלוסט פון ווערכאַרן און אואיטמען. נאָכמער די השפעה פון אואיטמען איז צו אים געקומען gıט מאַרקיש, פון וועלכען ער איז בכלל אַביסעל אָפּהענגיג אין זיינע לידער. דאָס איז איבערהויפּט בולט אין ציקעל „שכורע מאָרטאָגען“, וואו ס'איז אפילו צו באַמערקען די מאַרקישדיגע מאַניר זיך אויסצודריקען:

„אָט גלאָט אין וועלט אריין שפּאַנען און שפּאַנען“...

צו אין דעם זאָץ:

„פאַלסט צו רויער ערד;
חערסט פאַרשכורט פון מיסט,
פון זאַפט, וואָס פליסט
און יערט"...

כ'זאָג עס ניט לגנאי פאַר קולבאַקן, וואָס איז, הגם שווערוואָגיגער פאַר מארקישן, דאָך אַן אמתער בלאָנדזשער. כ'וויל נאָר אונטערשטרייכן אַ געוויסען פסיכאָלאָגישן מאָמענט אין שאַפונגס-פּראָצעס פון דיכטער. אָנווייזענדיג אויף געמיינזאַמע מאָמענטען אין דער פּאָעזיע, וויל איך דערמיט נאָך אמאָל באַטאָנען, אַז אין סך-הכל גענומען זיינען די פּרות פון די נייע שאַפונגס-פּלאַנצונגען אַ פּראָדוקט ניט נאָר פון אינדיווידועלער אויפנעמונג, נאָר פון דער זריעה, וואָס איז געפאַלען אויף די צואַקערטע בייטען פון פאָלקס-גערטנער, וואָס זיינען שוין געווען אָנגעגרייט אויף אויפנעמען אין דער אַרענדע פון יחידי-סגולה.

ביי דעם אַלעם, שפּירט זיך קולבאַקס אוממיטלבאַרקייט אויף יעדען געביט פון שאַפונג. איז ער אַרומגענומען מיט פּחד—חייהעט מיט אַ געהיימקייט פון די לידער—חערט ער באַגייסטערט פון ברייטען ארום, בלאָזט ער אַריין אין די ניט-לעבעדיגע חעזענס פון דער סביבה אַ פּחד-נשמה און הויבט זיי אויף פון דער נאַטירליכער נאַטור-מאָרטישער ניטרירעוודיגקייט.

עס פעלט אים אָפטמאָל אויס אָטעם פאַר די שמעקעדיגע ריחות, פון חעלכע ער שלינגט אין זיך אַריין זייער פרישקייט און חערט פאַרכליניעט פון שכרות:
„ס'קוועלט מיט קנאָספּען שכורע, מיט פייכטע ערד און רויע צווייגען"...

און גיסט ער איבער דעם ריח אין זיינע לידער, שמעקט פון זיי אויך מיט פייכטע ערד, מיט יונגען גראָזען-טוי און ס'גלוסט זיך צוזאמען מיט אים טרינקען פון זילבערנעם קוואַל, אַריינזאַפּען אין זיך די טריפענדע בשמים...

ב.

קומט אָבער אַ שעה פון בייַנקען און טרוימען, אַ פאַרנאַכטיגע שעה פון מידקייט, חען דער טאָג ציט אויס זיינע מידע גלידער אויף אַ שוואַרצען טהרה-ברעט, חערט קולבאַקס יוגנט באַצויגען מיט אַ טונקעלען שלייער פון רירעוודיגער רוחניות און ער קוקט זיך איין, חי „די ספרים גוססן אין טונקעלקייט פון אָרון".

דאַמאָלסט, אין דער מעלאַדישער רו-שטילקייט, געפינט אַ תקון זיין וואַגלענדיג ליד, חאָס בלאָנדזשעט, ווי—„אַ זעגעל מיד און מאַט פון כוואַליע צו כוואַליע אויס" און „בלייבט אין קרעס אייַן—אַ שוואַרצע שיף אויף אייביג שטייך".

אין דער שעה חערט דאָס אויער פון דיכטער מוזיקאַליש און באַקומט נשמה-אייגען מיט אַ סאַמעטענעם חוש המשוש צו ריגענדיגער בלויקייט פון רו, וואָס צוגייט, חי פאַרנאַכטיגע קלייסטער-קלאַנגען, פאַרחלשטע אין די שווינדעל-דיגע אָטעמען פון דרעמלענדער לופט, אין דער הימליש-קלאָרער שעה פון אומ-

קלאָרע געדאַנקען, ווערט ער תפילהדיג באַצויבערט פון ווייטאָגליכען בייַנקען און ווי ער דערציילט:

„כ׳נעם דאָס תהילימל אין זילבערען געבונדען —

דאַווגען, קערען בלעטלאַך... די שעה פון רחמים קומט״ — — —

ער ווערט איבערגעגעבען דער ממשלה פון אינערליכען „כל עצמותי תאמרנה״-געווין, וואָס צוגיסט זיך ווי אַ ווילי־אַנטשעל, ווען עס רוט זיין קאָפּ פאַרבראָכען אויפן טיש און ס׳שוועבט אום אַן אומרו אין דער שאָטענדיגער וועלט פון עפּעס אַ שעמערירונג פון דרויסען, צווישען די בוימער אין סאָד...

ס׳איז דאָס באַקאַנטע אונטער־באַוואוסטזיין־פאַרגעפיל פון געהיימען פחד אין „דאָרט אינווייניג״, פון גרויס אויגישען שרעק פון קראַנקע גייסטער. דאַמאָלסט שעפּטשעט דער דיכטער זיין מנחה־פלאַפּעל און די מינאָרישע תהילים־קאַפּיטלאַך.

האָבענדיג אַ זעהר אויסגעאיידעלטען חוש-השמיעה פאַר לויטערקייט און לבנה־שיין, וואָס פילען אָן זיינע בשמה־קאַנאַלען מיט מוזיק פון אַ ל י כ ט י ג - ק ל אַ נ ג ל אָ ז ע ר צ ו ו י י אַ י י נ י ג ו נ ג ס - ס י מ פּ אָ נ י ע, פאַרמאָגט אויך דער דיכטער אַ גאַנץ אַנטוויקלט עסטעטיש אויג פאַר ליכט און שאָטען, פאַרבען־שפּיל און מאַטקייט, וועלכע ער נוצט אויס פאַר פאַרשיידענע קלאַנגען־קאָמבינאַציעס.

אמת, ער שוואַכט אַמאָל אָפּ דעם איינדרוק מיט אַן אומגעלונגענעם ניואַנס ווי למשל:

„זינגער תכלדיגע, שטילע הימלען...

ס׳רינט אַ לויטערקייט פון הויכע, צויבערליכע צ י מ ב ל ע ן (?)

צו למשל אַ מעטאַפאַר: פלאַנעטען, ווי ג אָ ל ד ע נ ע ע ו פ ו ת — אויך ניט פּאַסענד.

ער פילט אויך ניט די אַרכיטעקטאָניק פון לידער — אַפילו פון צוזאַמענשטעלען ציקלען. ער איז אויך ניט באַקאַנט מיט דער בוכהאַלטעריע פון מאַטעריאַל־קאָמפּאַנירונג — אַזוי למשל — טראָגט ער אריין אין ליכטיגען תהילימל פון זיין נשמה ניט־געלונגענע מיסטיפיקאַציעס פון פאָלקס־לידער, וואָס אַ טייל פון זיי (אַ חוץ צוויי — אין פּשטות פון וועלכע ס׳איז צו באַמערקען די השפּעה פון „צוועלף לידער״) זיינען פּשוט מגושמדיג־פּראָסט און ניט עסטעטיש.

ג.

קולבאַק איז געקומען אין דער ליטעראַטור מיט אַלע סימני בוגרת פון אַן אמתן טאַלאַנט — מיט אַן אויג און זעהר באַוועגליכען געדאַנק — און אָט די אייגענשאַפטען נוצט ער אויס אויף פאַרשיידענאַרטיגע אופנים. חוץ ריינע שטימונגס־לידער קאָן קולבאַק גלייכצייטיג אויך מאָלען, ריכטיגער מויערען און גראַווירען, דראַפּירען און וויקלען. נאָר דאַמיט ענדיגען זיך נאָך ניט די כשרונות זיינע — ער איז גלייכצייטיג אַ זעהר באַגאַבטער סאַרקאַסט, וואָס לאַכט פון זיך אַליין און פייפט אויף דער וועלט, ווען ס׳נאָגט אים דער הונגער; וואָס מאַכט חוזק פון גאַנצען עול מענשהייט, וועלכען מיר טראָגען כלומרשט, ווי אַ בכבודיגע משא און בלאָזען זיך ווי די אינדיקעס פון אונזער גבאות איבער דער וועלט; ער

מאכט חוכא וטלולא פון דעם מערידאלען וועלט שמערץ, אויס אונזער „אויסקוי-שען אלע תורות—דורך די צייטען, דורך די דורות". מיט א קלאאונישער געמיט-ליכקייט אין געבלומטע פלודערען אין א קאנוס-מיצעלע—טאנצט ער א חוזק-טאנץ:

„ס'איז געווען א מענשעל פריי
ווייס איך וועו און ווייס איך וואו,
האט ער אויסגעקערט זיין פעל
און געטאן אויף זיך א שפיי"...

דאס איז דער אריאדנא-פאדים צו דעם מענטשליכען לאבירינט, צו דער terra incognita פון אונזער איך-שטאלץ. קערט מען איבער די פעל, דערזעט מען די פאלשע שטעך מיט אלע פאסטריגעס און געשטוקעוועטער פוטער-נשמה, וואס באשטייט פון קונציגע צוזאמענגענייטע שטיקלאך...

קולבאק האט א גרויסע מעלה—א נאגעלישע מעלה, וואס אין זיין לוצי-פערדיגער קרומעניש דרייט ער אויס דעם אונטערשלאק פון זיין גאנצען גרויסען מענש-עול און טוט אויף זיך אליין א שפיי...

דאס איז זעהר כאראקטעריסטיש פאר דעם דיכטער, וואס איז שוין אין זיינע ערשטע טריט ערליך אין זיינע שילדערונגען פון זיך און נעמט קאסמיש ארום אין דער אוטאביאגראפיע פון זיין עולם קטן די קאסמאביאגראפיע פון גאנצען כלל...

ד.

און ניט אומזיסט איז קולבאק אזוי סארקאסטיש אין זיינע לידער. ער האט זיין ענטוישונג אין לעבען געירשנט ביי די פריערדיגע דורות; אבער נאך מער האט ער עס פארטיפט מיט זיין קומען אין שטאט, וואו ער איז געווארען צוגע-דריקט דורך דער אומגעלומפערטער אין איר אומבאוועגליכקייט שטאט-מאסיוויטעט.

א שאטען אין די גאסען צווישען די ריזיגע מויערען, אומגעהויערע בעטאן-נען-בריקען, קיול-שטיינערנע פארזעהענישען; א פנים חדשות צווישען ווילדע פארשטיינערטקייט, זעט ער אין אלעם נאר „בלינדע אומרו", ווי יעדער, וואס קומט דאס ערשטע מאל אין א פרעמדע גרויסע שטאדט. ער באמערקט ניט דעם פייערליכען קארנאוואל, וואס ס'פראוועט דער גאסען-געוויש; ער הערט ניט דעם טומעל פון מארקען מיט די קלויסטער-גלאקען, וואס טרייבען ארויס פון שטאדט דעם גליוער-דבוק, — ער איז פארגולמט פון דער שווערער לאסט, וואס מ'האט ארויפגעלייגט אויף זיין קליין מענשליך מוחל — און שרעקט זיך דאריבער פאר דעם אומפארשטענדליכען אין דער אומגעלומפערטקייט.

לייענענדיג קולבאקן, דאכט זיך, אז די גרויסע שטאדט האט נאר אין זיך קיין שום דינאמיק ניט, וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר איר מהות:

„שווייגעניש שטיינערנע הייגט אויף די שטיבער. די מויערען
ריזיגע קניען

און שלאָפֿן, ווי קעמלען צולייגטע אויף אָפּרו, מיט אָפֿענע מיילער
און וויען.

און גיסט די שווארצ-מידע נאכט אין די בוידימער, קוימענס און טרויבען
און ס'וויגט די לבנה אין איינזאמער סביבה פֿון שטערן — די
זילבערנע טויבען"...

און ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס אים שרעקט אזוי דער שטיינערנער
מויערן-פּיינאזש. אָן איינזאם באשעפֿעניש, וואָס קריכט אום אויף לאנג-צולייגטע
גאסען ווייזט אים אַלץ אויס פֿארדעכטיג. אַלץ איז ער חושד אין לאָקערן
אויף אים; ס'דאכט זיך אים, אז אָט דאָ האָט די חשכות זיך געמאכט איר נעסט,
אָט דאָ וואַרט דער גורל אַ שטומער מיט דעם טויטען שלייף צווישען די דאַרע
סקעלעטען-פֿינגער. ער פֿארשטייט ניט די שטאָדט, ווייל ער איז צו נאָענט צו
איר. דאַגעגען פֿארשטייט ער די וועלט, די גאנצע ערד-קויל, ווייל זי קען ער
זיך פֿאָרשטעלען, אין אידעע, ער נעמט זי אויף אינטואיטיוו. אָט פֿאַרוואָס ער
ווייס דעם צוזאמענהאנג צווישען זיך און וועלט:

„און דו, די ערד,
דו בלאָנדזשעסט אויסגעמאַטערט, ווי אַ בלינדער פֿערד
ארומגעשלעפּט יסורימדיג אין הינער-פֿלעט,
פֿארקרעצינט, אלט און אויף דיין גוף דעם רונדען
פֿוילען בלאָטערען, צורייצטע טיפֿע וואונדען, —
שטעט, אנשטומטע שטעט...
עס ליגט אין פֿינסטערניש ביים ברעג פֿון ערד אַ מענש אליין."

די ערד זעט ער מיט אַלע אירע צרותען און וויים, ווער ער איז —
ער פֿרעגט:

„אַ ערד, אַ ערדעניו, ווער זיינען מיר?
— מאַטראָסען פֿינסטערע ביי דיר, ביי דיר"...

דאָס, ווייס ער, איז די פֿאָרמול פֿאר דער גאנצער מענשהייט. פֿאר זיך
אַליין אָבער האָט ער קיין פֿאָרמול ניט. ריכטיגער, פֿאר עלענד פֿון אייגענער
נשמה קאָן קיינער ניט געפֿינען קיין ענטפֿער. אויף געהיימען פּחד
און בלינדען אומרו, וואָס כאַפּט זיך אריין און שוועבט אום ווי אַ
גייסט פֿון אַ געשטאָרבענעם פֿאר די נשמה-אויגען—איז קיין רפֿואה ניט פֿאראַן,
סיידען די איינציגע, מיט וועלכער דער דיכטער ווייס צו פֿארטרייבען זיין
מעלאנכאָליע.

בלייבט ער אומעטיג אַליין, בלאָנדזשעט ער אום, ווי דער אייביגער ייִד
אין די גאַסען פֿון שטאָדט, אין משוגעים-הויז פֿון וועלט-כאָאָס, וואָס ליגט אין טוי-
זענטער וועגען צולייגט, מיט טרויעגטער קאָפּ פֿארשטעלט, גייט ער זוכען זיין
איינציגען וועג, וואָס איז תמיד אָפֿען פֿאר אים, דעם וועג, מיט וועלכען ער איז
געקומען אין גרויס-שטאָדט:

„איך גיי אין דאָרף, וואו אלטע כאַטעס וועבען
די שטילע פרייד פאַר דעם פאַרטיילטען גייער,
וואָס פלאָנדזשעט גלייך מיט מיר פאַרביי דעם לעבען
און רופט און שילט אין קלאַפּט אין זיין פאַרמאַכטען טויער,
און רופט און שילט און קלאַפּט אין זיין פאַרמאַכטען טויער"...

„פאַרביי דעם לעבען — הייסט: דאָס לעבען". אָט איז דער איינציגער מאָטאָ צו קולבאַקס שאַפונג.

## II.

# די אוקריינישע דיכטער.

(אַ מין באַריכטס-נאָטיץ)

### א.

פרץ מאַרקיש, דוד האָפשטיין און לייב קוויטקאָ,—דריי יונגע יידישע דיכטער אויף אוקריינע, דריי יונגע יידישע זינגער מיט אייגענאַרטיגע ניואַנסען פון ריטמיק, גאַנץ באַזונדערע פאָרמען פון שאַפונג און נייע דינים פון ווערסיפי-קאַציע — זיינען זיי געוואָרן אָן אָנהייב פון אַ נייער תקופה אין דער געשיכטע פון אונזער פאָעזיע.

עפּיס ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעשמועסט, אַז מען מוז איבערברעכן די גלייכע איינטאָניגע ליניע פון אונזער ביזאַהעריגער ליריק, צודרייען זי אויף זיגזאַגן און אַרויספירן אויף נייע וועגן און אומוועגן פון פאָרם-זוכעניש, וואָס איז אַזוי נויטיג פאַר דער אַנטוויקלונג פון יעדער קונסט-באַוועגונג.

פרץ מאַרקיש, גראָד דער ייִנגסטער צווישן זיי, האָט, אַדאַנק זיין מעכטיקן טאַלאַנט, באַוויזן במשך פון אַ גאָר קורצער צייט זיך אַרויפצודראַפּען אויף די העכסטע שטאַפּלען פון קונסט און פון דאָרט מכריז צו זיין אַ נייעם „אנכי" פון זיין אייגענעם א י ך.

ערשט אַ צוויי יאָר, ווי ער האָט זיך באַוויזן מיט זיינע ערשטע, פרישע, אוממיטלבאַרע „האַרבסט-לידער", „פאַרנאַכטען-שטימונגען" אין קיעווער זאַמעלבוך „אייגענס" און ער האָט שוין פאַרנומען איינעם פון די בכבודסטע ערטער ניט נאָר צווישן פּאָעטען פון דעם אַזוי-גערופענעם אוקריינישען פעריאָד, נאָר אין דער יידישער ליריק בכלל.

איינע נאָך דער אַנדערער לאָזט ער אַרויס זיינע לידער-זאַמלונגען אין אַלעמאָל רופט ער אַרויס צוזאַמען מיט גרויס התפעלות אַ גוואַלטיגע אָפּאָזיציע מצד די געגנער פון דער ווילד-פאַראייגנטער ריכטונג, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור,

שוין אין זיין ערשטן בוך „שוועלן“ איז מאַרקיש געקומען מיט אָריגינעלע מאָטיוון, פּערסאָניפיצירטע בילדער פון נאַטור, מיט דער שטילער אידיליע פון זיין היימישן „וואָלין“, מיט דער שמעקעדיקער רויער פרישקייט פון שוואַרץ-ערד, מיט זיין פרייער צעשפּילעוועטער יוגנט, וואָס שפּאַנט בהרחבות׳דיג אום אויף הפקר-פעלדער, מיט זיין בגלוי-ראש אָון פריצות פ׳ן צוכאַרעטען לעבענס-דורשט און פולען בעכער יוגענט-פרייד, וועלכען ער טריקענט אויס ביזן לעצטען טראָפּן— און אַלעמאָל ווערען זיינע מאָטיוון רייכער, אַלעמאָל דער פּערז שטייפער, די בילדער אויסגעלייגט-בולטער און שענער.

ער איז דער ערשטער אין אונזער ליריק, וואָס האָט איבערגענומען אַלע אייגענשאַפטען פון פראַנצויזישען באָדלעריש-רימבאָאישען דעקאַדאַנס, און זיי פאַריידישט, אָנגעצויגען אויף זיי אַ לבוש, וואָס איז אונז אַלעמען אַזוי באַקאַנט און גוט באַקאַנט; ער איז איינער פון די ערשטע, וואָס האָט, אַנשטאָט זיך באַנויגענען מיט שטימונגען לשם שטימונגען, זיך גענומען פאַרן פּענזעל, פאַר דער אָל און פאַר דעם ליים און שטיין-געפעלז, מיט וועלכע ער האָט געשמירט, געקלעפּט און געטאָגירט. זיין קינסטלעריש אויג לאָזט ניט אַדורך קיין איין איינצלהייט, וואָס זאָל ניט ווערן פאַרצייכענט, צו איז דאָס „אַ צופאַלדעוועטע קופּע מיסט-אויפן מאַרק, צו אַ ווינטל „וואָס דרייט איבער אַ בלאַט פון איין זייט אויף דער אַנדערער“ מיט אַ קוילן-צייכנונגען-רעאַליזם, וואָס ער קריצט אויס מיט אַ שטיפט אויף האַרטן גיפּס.

„און מיט אַן אויסגעקראָכענעם און קיילעכיגן דאַך
אינמיטן מאַרק אַ בודקע שטייט
פאַרגליווערט טויט,
ווי מיט אַן אָפּגעגאָלטען קאָפּ אַ זינדיגער מאָנאַך ...
סמאָרען וואויענדיג ביי איר צעפּוסען הינט
און גראָבען דאָרט און לויערען,
און פאַר די לאָדן, ווי פאַר אַ פּאָר גרויסע אויערען
ווילד רייסט זי לויפענדיג — אַ ווינט“.

פון אַלע זיינע לידער וויהעט מיט ווינטישער פרייקייט, ער עטעמט מיט דער פולער ברוסט אַריין אין זיך די קוועלעדיגע נאַטור, גיסט זיך מיט איר צוזאַמען אין פרימאָרגען פון זיין אייגענעם זיין און איז גרייט אין הפקרדיגקייט צוגיין אויף אַן אומענדליכען מאַטש פון מענטש און נאַטור.

דורך מאַרקישעס שאַפונג גייט אָבער חוץ דעם אַלעמען, ווי מיט אַ חוט-השני אַדורך, ווי כ׳האָב שוין געזאָגט, די ליניע פון זיין איך-מאַניפעסט, פון דעם אייגנאַרטיגען אינדיווידואַליזם, וואָס לעבט נאָר מיטן איצטיגען אַצונד — און יעדער ציקל זיינער איז אַ באַזונדערע מסכת פון אָט דעם אייביג-יונגען:

— איך — בין איך!

## ב.

שוין גאָר פון אַן אַנדער מין איז דוד האָפשטיין. ער איז דער דירעקטער רעכטליכער יורש פון אונזער נאַציאָנאַלען פאָלקס-גייסט, וואָס איז אים געבליבען פון דעם עלטערען דור פאָעטען. ער איז דער פאַרמאָדערניזירטער איינהאָרן, וועלכענס מאָטיווען עס האָבען באַקומען אַ נייעם לבוש פון אַ יידיש-איראָפּיאישען שעטנז-געוועב.

דער שטילער עלענד פון זיינע לידער, דער גאָלדענער געשפּין פון דעם דורכזיכטיגען פערז, די צאַרטע ווייכקייט פון זיינע שטימונגען—דאָס אַלץ דער-מאָנט אָן די לידער פון בעלגישען דיכטער וואַן-לערבערג.

ער איז אַן עלענדער בלאָנדזשער אויף פרעמדע וועגען, וואו „בלינדע רעדער" אַלץ מאָלן און מאָלן די הימלאָזע שטויבען. ער איז אַן איינזאַמער בענקער, וואָס גלויבט דאָך אין הייליקייט פון זיין עלענד.

אין קעגענזאַץ צו מאַרקישן איז ער ניט קיין אינדיווידואַליסט. ער איז, פאַרקערט, אַ קליינטשיק שטויבעלע אויף די הימלאָזע וועגען, וואָס „פּלאָנטערט זיך פון באַגינען ביזן פאַרפלאַמטען ראַנד פון שקיעה אין די טיפע פאַלדן פון דער איבערגעחיקעלטער וועלט-יריעה".

זיין בלאָנדזשעניש איז ניט דאָס דרייען זיך אָן אַ ציל, נישט דער משוגעים-טאַנץ פון וועלט-קאַרעהאָד. ער גייט אין די אין-סופן פון מיילען צו אַ תחום, צום היכל פון הייליגער רו.

„... פון שטילע ווינקלען פיר
דאָרט וואַרט שוין איינער
אויף מיין פאַרברענטען וואַנדער-שטעקען,
אַ קרוג מיט וואַסער פול מיט ריינער
שוין וואַרט אויף שטויב,
וואָס ליגט אויף מיר,
אויף שטויב פון ווייסע שטעגען..."

---

„אין בלוי פון מיינע טונקעלע
פאַרטאָגן,
ווען איך וואַנדער לאַנג,
די ערשטע מזרח-צייכענס האָבען
דורכגעשלאָגען
אַ העל געזאַנג:
—עס הייבט אָן טאָגן!
און ווען מיין האַרץ מיין
מידס האָט קוים געטראָגען

פון אַנוועגען דעם עול,
האָט עס דערהערט ביי
ראָזער שיין פון טאָגען
אַ לויטער קול:
—דו וועסט דערטראָגען!...״

שטיל אָן רעש גייט זיך האפשטיין אויף זיין שאַפונגס-וועג און שפינט טיף-דורכגעלעבטע שטימונגען, וואָס זיינען גלייך צו תפילות פון אַן איינזאַמען און פאַרלאָזענעם פון אַלעמען אַלטען טעמפעל.

ג.

איך וויל נאָך זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען קוויטקאָ. הגם ער פּאַרטיפּט זיך אין זיינע לידער אין מיסטיציזם, הגם ער קומט אויך מיט אַ פילאָזאָפישען וועלט-באַנעם, טאַפּט ער אָבער נאָך אין חשכות פון זיין אייגענעם שאַפונגס-כאַאָס, ער האָט נאָך ניט באַוויזען פאַרצושטעלען דעם צייטווייליגען באַלאַנס פון זיין שוין גאַנץ-מעוברתדיגען פּאָעטישען מהות.

איינס קאָן מען אָבער ביי קוויטקאָן ניט אָוועקנעמען — אַ פּאָעטיש חוש צו אַלעם, וואָס איז אומפאַרשטענדליך און באַהאַלטען. דאָ דרינגט ער אַריין מיט זיין נשמה און בלאָנדזשעט אום מיט די פאַרחלומטע אויגען, ווי ער וואָלט וועלען זיין אַ מגלה רזין פון דער סוד-סודותדיגער וועלט.

אין דעם פּרט שטייט ער אפשר דערוויל העכער פון זיינע אַנדערע קיעווער חברים, צוזאַמען מיט וועלכע ער האָט געשאַפען די פּאָעזיע-תקוה פון דער אוקראַאינישער הערשאַפט.

דריי יונגע יידישע דיכטער אויף אוקריינע. און יעדער פון זיי גייט מיט אַ נייעם וועג, יעדער פּאַסט אַריין אַ פּאָר נייע טייערע שטיינער אין קרוין פון אונזער נאָך גרינער ליריק.

יונה שפער.



# פאלקלאר

## דאס געוועס*)

### לאקשען.

סענדער. — זײ מיר מוחל, װאס כ'װעל דיר שטערען אין דער ארבעט, דערצו נאך אזוי שפעט...

קלמן. — װאס איז דער מער?

סענדער. — בױזט דאך עפעס א פילאלאג — פארענטפער מיר א שאלה: איז לאקשען א ײדיש װארט? — איך דארף דאס װיסען מיטן לעבען.

קלמן. מיטן לעבען?!

סענדער. ס'איז א געװעט... מיר זײנען הײנט זאלבעדריט געװען אויף קאליאציע...

קלמן. מײנסט אװדאי: אויף נ א כ ט מ א ל צ י י ט...

סענדער. א פײן װארט, כ'לעבען... װאו האסטו דאס גענאשט?

קלמן. אין א שונדביכעל: „ד י ב י י ז ע מ ו מ ע א ד ע ר ד י ש ל ע כ ט ע ש ח ע ג ע ר ן", „אײן העכסט אינטערעסאנטער ראמאן אין צװײ טײל", „פערפאסט פון משה מאראװסקע (װארשע 1883). — ז' 46: „דער קוזין מיט זײן פרױ זיצען און עסען נ א כ ט - מ א ל צ י י ט"... — א ז״טעל װײטער אפילו: „די װעסטערע האבען מיר שוין אפגעגעסען"...

... הײסט עס, זײט איר געװען זאלבעדריט אויף נאכט-מאלצײט?

סענדער. — בערעל, אברהם און איך. אברהם האט לא עלינו אביסעל צו טאן מיטן מאגען, האט ער זיך געהײסען געבען זופ. מ'דערלאנגט: א טעלער מאגערע יױך און אויסן דנא.

קלמן. אויפן דעק, װילסטו געװיס זאגען, אדער אויפן בוידים, װי די פוילישע ײדען רופען דאס...

סענדער. — זאל זײן װי דו זאגסט... שװימען עטליכע שװינדזיכטיקע לאקשען... אברהם נעמט א לעפעל אין מויל ארײן, פארקרימט זיך און רופט זיך אן: „ערשט יעצט זע איך, אז לאקשען זײנען אן אמת ײדיש מאכל: ײדען קאכען דאס, קאן מען עס עסען; דא האט עס דעם מינדסטען טעם נישט."

בערעל איז דאך א „משה־קאפױער", װײל ער דוקא פונקט פארקערט: אויב אין א קריסטליכער גארקיך קאכט מען לאקשען, איז עס א סימן, אז דאס געריכט איז נישט בלויז ײדיש; מערניט: די ײדען מאכען דאס בעסער.

געהערט א מעשה: — ל א ק ש ע ן מ י ט י ו י ך — דאס טראדיציאנעלע ײדישע געריכט, פרײטאגצונאכטס, װען די בענטשליכט ברענען אין רײן אויסגעפוצטע לײכטער, און דער טיש איז געגרײט מיט פארצעלײענע טעלער און די קוילעטשען איבערגעדעקט מיט א געשטריקטען טישטעכעל... גדענקסט די אידיליע אין „פישקע דעם קרומען"?

קלמן. — פישקע דערצײלט דארטען: „איך האב בײ איטליכס שטיקעל פיש, בײ איטלי-

---

*) אונטער דעם נאמען גרײט איצט נח פרילוצקי צו צום ארויסגעבען אן אײגענארטיגען פאלקלאריסטען װערק, פון װעלכען מיר ברײנגען דא דעם ערשטען דיאלאג (ז. װײטער די נאטיץ אין דער אפטײלונג „נײע ביכער").

רעד.

כען זוס לאקשען, ביי איטליכען ביסען פלייש און צימעס מיך דערמאנט אין איר, װער הייסט, אויב זי נעבאך האט דארט אזא האריליטאג ווי איך״..:

סענדער. — י. ל. פרץ אין „פארשטערטען שבת״: „האלב שבתו א בערגעל מיסט ביי דער טיר—צום ארויסווארפען. די לאקשען ליגען אפגעשווענקט אין שיסעל, מ׳דארף זיי נאר באגיסען מיט א לעפעל יויך, זיי זאלען זיך ניט צוזאמענקלעפען״...

קלמן. — אין „ווינטשפינגערעל״: „דער טאנדעטניק איז שוין ניט מער א הונט, ער איז א פרינץ, עפעס האט ער באקומען א נייע נשמה, א נייע הויט. ער מאכט קידוש, וואשט זיך, זעצט זיך צום טיש, דאס ווייב די פרינצעסין און די קינדער ארום אים, מ׳שטופט דעם גאפעל, דעם לעפעל און מ׳כאפט א שטיקעל פיש, א לאקש, א ביינדעל, אביסל צימעס—אזעלכע מאכלים, וואס מ׳האט עס א גאנצע וואך אין די אויגען ניט געזען״...

סענדער. — אין דער הקדמה צו „שלמה רב חיימס״:—איז עס דען וואו געהערט געווארען, אז אין א געוויסער שעה, פרייטאגצונאכטס, א שטייגער, זאל א פאלק יידען עסען פיש, לאקשען און צימעס...

נו, און נאך דעם אלעם זאלען „לאקשען״ ניט זיין א יידישע אייגענטימליכקייט און א יידיש ווארט!?

בערעל איז אבער אן עקשן. ניין און ניין און ניין.

קלמן. — וואס זיינען זיינע ארגומענטען?

סענדער — קוים, זאגט ער, איז „לאקשען״ ניטא אין דייטשישען ווערטערבוך, איז עס ניט קיין יידיש ווארט.

איך ווייז אים אויף: נאר איינער, אט זע: „עס ניט די לאקשען פאר שבת״, ווארענט א יידיש גלייכווערטעל (ד. ה. באנוץ ניט קיין זאך פאר דער צייט); אן אנדער גלייכווערטעל דערציילט פון א בעל-הבית׳טע א שלים-מזלניצע, אז זי האט אמאל אויסגעשריען: „איבער די זינדיגע לאקשען האב איך די ליבע היליגע שול פארגעסען״!; ווען איינער קומט צוריק פונם וועג מיט א פארשפעטיגונג און „מאכט א שניט אין שבת״, ווי מ׳רופט עס, הייסט עס: „ער איז געקומען מיטן דישעל אין די לאקשען אריין״; ווען ביי א זאך איז דא א סך צו טאן, און ממשותדיקעס האט מען ווייניק דערפון, זאגט מען: „א סך זמירות און ווייניג לאקשען״.

קאן דען געמאלט זיין, אז א געגענשטאנד און זיין נאמען, וואס זיינען אזוי געקניפט און געבונדן מיטן שבת-קודש, זאלן זיין ניט-יידיש?

קלמן. דער חסידישער רבי אין ישראל אקסענפעלדס „געגארטער וועלט״ עסט לאקשען מיט יויך אויך אין א מיטען וואך...

סענדער. — נאך בעסער! אי שבת אי אינדערוואכען איז עס דאך מכלשכן א יידישע זאך!

קלמן. — כאפ ניט, ס׳איז ניט קיין הייסע לאקשען! — זאגט מען אין קרעמעניץ איינעם, וואס איז אזוי אומגעדולדיג ווי דו.

סענדער. — נאך א ווערטעל מיט „לאקשען״!

קלמן. — פארוואס מער... „אט אזוי קאכט מען לאקשען״! — זאגט מען קאטעגאריש, ווען מ׳הייבט אן צו פארשטיין א זאך, וועלכע מ׳האט זיך פריער ניט געקאנט דערקלערן.—כ׳האב אמאל געפרעגט א ייד אויס דרויע, ווען טרעפט מען אים אינדערהיים, האט ער מיר געענטפערט: „כ׳זאל אזוי וויסען פון בייזע לאקשען״! — וועגן א נאאיווען, וואס נעמט אן אלץ פאר ריינעם אמת, זאגט מען אין קרעמעניץ און אין אנדערע שטעט: „ער מיינט ס׳איז תורת לאקש״; אז דאס וואס דער און דער האט אים געזאגט (אדער וואס מ׳האט אים געשריבען) דאס, וואס ער האט געלייענט א. א. וו.) איז תורת לאקש״. ערגעץ אנדערש הייסט עס: תורת לאקשען.

„לאקש״ איז דאס ערשטע גליד אין עטליכע טיף-יידישע צונויפגעשטעלטע ווערטער.

„לאקשענטאפ״ הייסט אין א סך יידישע קאנטען די פלי, אין וועלכער מ׳באקט דעם קוגעל,—

אפשר דערפאר, ווייל דער באליבטסטער פון אלע מינים געריכטען איז דער לאקשענקוגעל... אין קרעמעניץ פרעגט מען אויף קאטאוועס קליינע קינדער: „פארוואס איז א לאקשענטאפ אויבען ברייט און אונטען שמאל, על־התי, וואלט ער געהען אונטען שמאל און אויבען ברייט?“ מ׳זאגט דאס גיך, דאס קינד כאפט זיך ניט און פארענטפערט א קשיא: „דער קוגעל וואלט ניט געקאנט ארויס“. און וואסער יידישער שטוב איז ניטא קיין לאקשענברעט, אט יענער ווארשטאט, אויף וועלכען מ׳קנעט דאס טייג, מ׳וואלגערט אויס א לאקשענבלאט און מ׳בראקט לאקשען, פארפעל וכו׳. אז מ׳טרעט א ווארשעווער יידען אן אויפן פוס און מ׳זאגט אים „פשעפראשאם“, ענטפערט ער: „פשעפראשאם איז א לאקשענברעט“! — און גיי פארשטיי פארוואס!

איינער פון מרדכי ספעקטארס פערזאנאזשען טראגט אין פארטאבאק „אביסעל לאקשענטאבאק“.

„לאקש“ איז אויך יידיש ניט בלויז מאקארען. דער וואקאבעל האט באוויזען אנצונעמען אין דער יידישער גאס אויך אנדערע טייטשען.

„לאקש“ הייסט א לאנגער אויסערגעוויינטליך מאגערער מענטש, מיט אומנאטירליך לאנגע הענט און פיס. מ׳זאגט נאך שטארקער: „א לאנגער לאקש“. דערמיט ווערט שוין אויך געמיינט, אז ער איז „ניט קיין גרויסער חכם און ניט קיין קליינער נאר“.

„לאקש“ הייסט אין וואלין א שוטה, א לעקעט, א לעמעשקע, א יאקטאן, א מענעגע, א שמויגער, א שמענדע־פיגוצקי, א פעטער, — און איינער פון די קלאסישע טיפען, וואס דער יידישער פאלקס־הומאר, וועלכער שוינט גארניסט, אפילו די כלי־קודש ניט, האט באשאפען: דער טיפ פון א רב א טיפש, הייסט: „ר׳ יוסף לאקש אויס דראזשנע אין פוילען“...

סענדער. — אזוי הייסט אן אויסגעצייכענטער פאלקסביכעל, וועלכען איך האב אמאל געלייענט.

קלמן. — „לאקש“ קומט פאר אין אינטערעסאנטע ספעציפיש־יידישע רעדענס־ארטליכע אויסדרוקען.

אין מענדעלע־מוכר־ספרים׳ס „קליין מענטשעלע“ (ווילנע 1879), אויף זייטע 62 לייענען מיר: „אזוי יונג און קען שוין צוגריפפירען פלאטקעס לאקש בוידעם פאלעצע!“ — „לאקש, בוידעם, פאלעצע“ איז דא דאס אייגענע, ווי „זאכען, וואס נישט געשטויגען נישט געפלויגען“, „זאכען, וואס קלעפען זיך נישט איינס צום צווייטען“, „באבע־מעשיות, ליגענס“ וכדומה.

אין זיין „יודעל“ (ווילנע 1875) :67

„גלויבט אין שדים אין טייערע מצאצע,<br>
גלויבט אין לאקש, אין בוידעם, אין<br>
האצע־קלאצע“...

ד. ה. אין שטותים, נארישקייטען.

טביה דער מילכיקער דערציילט: „און ווער שמועסט שבת פין איך דאך גאר א מלך, קוק אריין אין א יידישען ספר א פרשה חומש, א ביסעל תרגום, תהלים, פרק, דאס, יענץ, לאקש, בוידעם“... — „דאס, יענץ, לאקש, בוידעם“ איז גלייך ווי: „און אזוי ווייטער“, „עט צעטערא“, „וכדומה“, „און דאסגלייכען“...

סענדער. — מערקווירדיג! און סונדאנעס, זאג מיר, נעמט זיך דאס, אז ווילדפרעמדע ווערטער, ווי „לאקש, בוידעם, פאליצע“ ווערען צונויפגעשמידט אין איין קערפער, אויף ניט צו שיידען זיך, פארוואנדלען, ווערען א רעדענסארט, א גאנגבארע שפראכמטבע, אויסצודריקען א באגריף, א געדאנק, אן אידעע, וואס האט גאר ניט קיין שייכות צו קיינעם פון זיי?

קלמן. — ווי אנדערע ענליכע רעדענסארטען, מוז אויך די זיין אן איבערבלייבעניש פון עטעס א פאלקס־מעשהלע, א פאלקס־הומארעסקע, א פאלקס־אנעקדאט, וואס איז דעה שליסעל צו איר. ניט קענענדיג דאס מעשהלע, די הומארעסקע, דעם אנעקדאט, האבען מיר אויך ניט די מעגליכקייט צו דעשיפרירען די רעדענסארט, וואס קלינגט דעריבער אין אונזערע אויערען אזוי אויסטערליש...

סענדער. — איך פאל דיר אריין אין די רייד, ווייל מיר האבען א סך פרייד...

דאכט זיך, צי ניט אין יאר 1905, אין פעטערבורגער „פריינד" אין געווען געדרוקט א פעלעטאן...

ק ל מ ן.—פון אלעקסאנדער ראבינאוויטש.

ס ע נ ד ע ר.—יא, יא, מיטן נאמען „ל א ק ש ע ן". ס'איז געווען א פאליטישע אלעגאריע: אויף די צארישע נאחייקע...

ק ל מ ן.—ווארען „ל א ק ש ע ן" הייסט אויף חדר-לשון דעם רבינס קאנטשיק... ער האט נאך א נאמען: „ציפלינע".

ס ע נ ד ע ר.—חכלל קורץ געברייעט, לאקשען...

ק ל מ ן.—... איז א טיף יידיש ווארט...

ס ע נ ד ע ר.—און איך האב געמיינט...

ק ל מ ן.—... און דו האסט פארשפילט דעם געוועט.

ס ע נ ד ע ר.—?!

ק ל מ ן.—פארמעל גענומען, איז בערעל געוועט. לאקשען איז לויט דער אפשטאמונג נאך א פרעמדווארט.

די פוילישע שפראך האט מונדארטלעך: lokszyn (איינצאל), lokaziny (מערצאל); lokazyna (איינצאל), lokazyny (מערצאל), אין טאפעלער טייטש: 1) „ל א ק ש ע ן" (מאקאראן), 2) „קאנטשיק".

אין קליינרוסישען: lokszchyna, lokscha.—אין קרעמענציק האב איך געהערט א ווערטעל „ק א ל י מ א ר י נ א ל א ק ש י נ י א י ל א ?!" („ווען האט מארינע געגעסן לאקשען?") ד. ה. „ווי קומט דאס צו איר? פונוואנעט זאל ער האבען א השגה דערפון? פונוואנעט זאל ער דאס קענען און וויסען? ווי האט ער דאס געקענט זען (הערען)? פאר זיין שטאנד, פאר זיין שטייגער איז דאס א צו הויכע זאך" וכדומה.—דאס ווערטעל איז א נאענטער מחותן מיט: „וואו האט א הונט א הויז"?.

אין רוסישען: lokscha (אין קורסקער קאנט), lokschiny (אין דרום און מערב רוסלאנד), אין טייטש: „shidowskaja lapscha", „lapserdak".

דער טאטע פון די אלע וואקאבלען איז דאס טערקישע lakache, loktsche.

דאס יידישע געשטאלט, ווי דאס קליינרוסישע, איז נאענטער צום טערקישען, ווי די פוילישע געשטאלטען. מעגליך, אז די פוילישע שטאמען פון יידישען—פון לשון רבים (דערויף ווייזט אן דער ח אין פוילישען לשון-יחיד). עס קען אויך זיין, אז דאס טערקישע איז אריין אין יידישען דורך דאס אוקריינישע, הגם די איבערזעצונג, וועלכע דער וואקאבעל באקומט ביי דעלען, קען דינען פאר א ווארונק, אז גיכער פארקערט: דאס ווארט איז אויס דעם יידישען אריבער אין דאס אוקריינישע.

די טערקישע פארמען ווידער האבען א פ ע ר ס י ש ע גזע...

נח פרילוצקי.

# פון דער יידישער פאלקשאפונג פאר דער צייט פון מלחמה.

די אלע אנשיקענישן פון דער גרויסער וועלט-מלחמה—מאביליזאציעס, עקוואציעס, גרושים, פאגראמען, הונגער, שרעק, נויט און אנדערע פלאגן און קלאגן—האבן געמאכט א גוואלדיקן רושם אויף די יידישע פאלקס-מאסן.

א סך שרעקליכע טעג האבן זיך איינגעקריצט פאר דער צייט אין דעם זכרון פון פאלק און ווי שטענדיק האבן די אלע איבערלעבענישן געקראגן זייער אויסדרוק אין די פארשיידענע פאלקסשאפונגען ווי לידער, לעגענדעס א. א. די דאזיקע שאפונגען פון פאלק בילדן דעם בעסטן מאטעריאל פון דער געשיכטע. אין זיי וועט דער קינפטיקער היסטאריקער געפינען, ווי אזוי

דאָס פאָלק האָט רעאַגירט אויף די אַלע געשעענישן פון דער שרעקליכער וועלט־מלחמה. די אָנגעמערקטע טעמע איז זעהר אַ ברייטע. די ראַמען פון דער נאָטיץ ערלויבן זי ניט צו אַנטוויקלען.

איין זאַך איז קלאָר פאַר אַלעמען — די אַרבעט פון זאַמלען די מאַטעריאַלען פון דער יידישער פאָלקסשאַפונג פאַר דער צייט פון דער מלחמה, איז זעהר אַ וויכטיקע און אַ דרינגענדע און יעדער איינציקער מוז טאָן פאַר דער זאַך, וואָס נאָר ער קאָן.

ברענגענדיג דאָ צוויי לידער, ווילן מיר האָפן, אַז די לעזער פון „לעבען" וועלן זיך געוויס פאַראינטערעסירן מיט דער זאַך און מיטהעלפן זאַמלען די מאַטעריאַלן צום יידישן פאָלקלאָר בכלל און פון דער לעצטער צייט בפרט.

דאָס דריטע ליד, וואָס מיר פאַרעפנטליכן דאָ, איז געשאַפן געוואָרן ווייזט אויס, אין דער צייט פון דער יאַפּאַנישער מלחמה.

ש. באַסטאָמסקי

*

# דער 14־טער יאָר.

דער 14־טער יאָר איז אָנגעקומען,  
אוי וויי!  
דער 14־טער יאָר איז אָנגעקומען,  
האָט מען מיר אין זאַפּאַס גענומען,  
אוי וויי!

אין די קאַזאַרמעס זיינען מיר געזעסן,  
ניט געטרונקען, ניט געגעסן,  
אוי וויי!

אויף די קאַרפּאַטען זיינען מיר געקראָכען,  
אוי וויי!  
אויף די קאַרפּאַטען זיינען מיר געקראָכען,  
דער ערשטער קויל האָט מיר געטראָפען,  
אוי וויי!

---

אָך, איר וועלדער, גרינע פעלדער,  
איר ליגט באַשאָטען מיט קוילען, מיט זעלנער,  
אוי וויי!  
איר ליגט באַשאָטען מיט אַ יידישען זעלנער,  
אוי וויי!

און דער אויער בײַ אים צוריסען,
אוי ווײַ!
און דער אויער בײַ אים צוריסען,
פון זײַנע וואונדען טוט בלוט פליסען,
אוי ווײַ!

ניט קיין אָרון, ניט קיין מיטה,
אוי ווײַ!

ניט קיין פאָטער, ניט קיין מוטער,
אוי ווײַ!
ניט קיין פאָטער ניט קיין מוטער,
אוי ווײַ!
ווער וועט נאָך מיר קדיש זאָגען,
אוי ווײַ!
ווער וועט נאָך מיר ווײַנען און קלאָגען,
אוי ווײַ!

(פון ש. באַסטאָמסקיס מאַטעריאַלען צום יידישען פאָלקלאָר).

# דער פריזיוו.

(פון ש. באַסטאָמסקיס מאַטעריאַלען צום יידישען פאָלקלאָר)

דער פערצעטער יאָר (1914) איז אָנגעקומען,
פאַר אַ זעלנער ט׳מען מיר צוגענומען,
דרײַ טעג אין קאַזארמע געלעגען
און קיין עסען ניט געגעבען.

דרײַ זײַנען פון פאָלק אַנטלאָפען.
די ערשטע קויל האָט מיר געטראָפען,
ווער וועט גיין נאָך מײַן לויה,
נאָר דער פערדעל דער געטרײַער.

ווער וועט נאָך מיר ווײַנען און קלאָגען,
ווער וועט נאָך מיר קדיש זאָגען?
צווישען וועלדער, צווישען פעלדער
ליגט דאָרטען אַ געהרגעטער זעלנער.

מײַן מאַמע האָט דעם רויטען קרײַץ געשריבען,
אַז איר זון איז אין פעלד פארבליבען,
גלײַכער וואָלט איך נאָך אַמעריקע געפאָרען,
אײדער כ׳האָב פארשפּי׳לט מײַנע יונגע יאָרען.

# די מאביליזאציע.

((פון דער צייט פון דער יאפאנישער מלחמה 1904)

איך בין פון שטוב ארויסגעגאנגען,
אויפן גאס איז געווען א יאמער און א קלאג,
ביס א גלעקעלע האט מען אנגעקלונגען
א מאביליזאציע אביאוועט אין א טאג.

פארקילט איז געווארען אין מיר יעדער אבר,
א שוויס האט אנגעהויבען רינען,
קלייבט שוין צונויף אונזערע אלע גוטע ברידער,
דעם קייסער נאכאמאל צו דינען.

מיינע ביינדעלעך זיינען אלט און קראנק און שוואך,
די יארען איז שוין אויך ניט דערביי
צו ליגען אין קאזארמע אויפן הילצען באנק,
דעם קייסער צו דינען טריי.

מע שיקט מיר פון קאזארמע רופען,
איך טאר זיך ניט דערוועגען צו זאגען „ניין".
מע גיט מיר א ביקס צום שיסען,
א פאפאכע אויף לאנגע יאר צו גיין.

אט דאס, זאגט מען מיר אן, וועט זיין דיין באהיטער,
פון דיין תריגעזינט מעגסטו זיך שוין פארגעסען,
פארוואס זאל דאס זיין מיין לעבען אזוי ביטער,
טייכען טרערען טוען זיך באגיסען.

טא וויינט זשע, ברידער, אלע,
אפשר וועט זיך גאט אפרופען,
עס ווערט צעשיידט מאן און ווייב. חתן-כלה,
פון יעדען מענטש ווערט א טייל אצינד.

טא וויינט זשע, ברידער, אלע אין איין קול,
אפשר וועט זיך גאט אפרופען,
מע שיקט מיר אוועק צו מזרח-זייט,
ווער וויים וועמען דארט זוכען.

(פון ש. באסטאמסקיס מאטעריאלען צום יידישען פאלקלאר).



## ניגונים פֿון ,הבוק'.



ערשטער אַקט. 1טער ריקוד. איבערגעגעבן פֿון א. גאָרדאָנסקי.



ערשטער אַקט 2טער ריקוד. איבערגעגעבן פֿון ו. קאָוואַלסקי



צווייטער אַקט. טרויער-טאַנץ.

איבערגעגעבן צום דרוק פֿון ז. עלקין.

# א יונגער יידישער סקולפּטאָר.

אין ווילנע אַרבעט איצט אַ יונגער יידישער סקולפּטאָר,—ניסן טרעגער. ניסן טרעגער איז געבאָרען אין ווילנע אין יאָר 1903. שוין קינדוויז האָט ער אַרויסגעוויזען פעהיגקייטען צום קלעפּען. דער פאָטער זיינער, אַן אָרימער בעל-מלאכה, האָט ניט געהאַט קיין מעגליכקייט צו געבען דעם זון אַ ברייטערע בילדונג. ער האָט אָפּגעגעבען דעם זון אין חדר און דערנאָך אין „הילף דורך אַרבעט", וואו ניסן האָט זיך באַקאַנט מיט ציייכענען און מיט די פאָרמען פון קונסט, וועלכע האָט אים אינטערעסירט. ניט לאַנג איז טרעגע- אין „הילף דורך אַרבעט" ניט פאַרבליבען. ער איז אַרויסגעטראָטען פון דאָרט און האָט פאָרטגעזעצט די סקולפּטאָר-אַרבעט אין דערהיים.



די אַרבעטען פון ניסן טרעגער.

מיט זיינע אַרבעטען האָט זיך פאַראינטערעסירט אַ געוויסע פערזאָן, וועלכע האָס אים געגעבען די מעגליכקייט אָנצוקומען אין סקולפּטור-אָפּטיילונג פון ווילנער אוניווערסיטעט.

גלייכצייטיג האָבען די ווילנער יידישע קהלה און דער געגענט-קאָמיטעט „יעקאָפּאָ" געפונען פאַר נויטיג צו אונטערשטיצען טרעגערען פון צייט צו צייט מיט סובסידיעס.

אייניגע פון טרעגערס אַרבעטען זיינען פאַר דער צייט צוגענומען געוואָרען אין היסטאָריש-עטנאָגראַפישען מוזיי ביי דער ווילנער קהלה.

טרעגערס אַרבעטען באַשטייען דערהויפּט אין קאָפּירען פון נאַטור קעפּלעך פון יידישע טיפּען. ער האָט אויך אויסגעפירט לויט אַ פאָטאָגראַפישען בילד דעם ביוסט פון ש. אַנ—סקי.

טרעגערס אַרבעטען זיינען פריי אויסגעפירט, די ליניעס זיינען קלאָר און דרייסט. פאַרשטייט זיך, אים פעלען נאָך די נויטיגע ידיעות, ער האָט נאָך אויך ניט דעם פולען באַוואוסטזיין אין דער אַרבעט,—אָבער בכלל פילט זיך שוין קונסט און זיינע אַרבעטען מאַכען אַן איינדרוק.

דער יונגער סקולפּטאָר פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס מצד דער געזעלשאַפט.

ד. ראָזענהויז.

# נייע ביכער

## קריטיק און ביבליאגראפיע

**„ביים קוואל".** יידישע שפריכווערטער, ווערטלעך, גלייכווערטלעך, רעדענסארטן, פארגלייכענישן, ברכות, ווינטשעניש, קללות, חרמות, סימנים, סגולות, זאבאבאנעס א. א. וו. געזאמלט און דערקלערט פון ש. באסטאמסקי. פארלאג „די נייע יידישע פאלקסשול". ווילנע, 1920.

אין דער הקדמה קלערט־אויף דער מחבר דעם מהות פון פאלקסשאפונג, איר רייכקייט און פארשיידענארטיגקייט, דערציילט וועגן דעם גרויסן אינטערעס און דער ווארימער באציאונג צו דער פאלקסשאפונג ביי די אומות העולם און רעדט מיט צער וועגן דער ביזאיצטיגער ביטולדיגער באציהונג צו דער יידישער פאלקסשאפונג מצד אונזער אינטעליגענץ. רעדענדיג וועגן די זאמלונגען און זאמלער פון יידישן פאלקלאר, האט דער מחבר געטריי דערמאנט אלע טוער און אויפטוער אויף דעם דאזיגן געביט. דערפאר האט ער פארגעסן אויפן שער־בלאט צוזאמען לכל הפחות מיטן יאר פון דער קריסטליכער ערע צוצוגעבן אויך דעם יאר פון דער יידישער ציטרעכענונג, וואס איז א חוב און וואלט געווען אזוי נאטירליך פאר א בוך פון יידישער פאלקס־שאפונג. דאס איז אויך א פראדוקט פון דער אסימילאציע, וואס אונזער געערטער מחבר פארדאמט איר אזוי מיט רעכט און וואס איז ביי אונז געווארן א שטענדיגע ערשיינונג, אפשר ווייל מ׳טראכט זיך ניט אריין דערין.

זעהר גוט ערקלערט ש. באסטאמסקי אין דער הקדמה דעם אונטערשייד צווישן שפריכווערטער און גלייכווערטלעך („א שפריכווארט האט א הנחה און אן אויספיר; א גלייכווארט איז א שפריכווארט אויף א העלפט, אן אן אויספיר"), אבער ער האט ניט גענוי ערקלערט דעם דינעם אונטערשייד צווישן א גלייכווערטעל און א ווערטעל.

דעם גאנצן מאטעריאל האט ער צעטיילט אויף זיבען אפטיילונגען: 1) שפריכווערטער; 2) ווערטלעך, גלייכווערטלעך און רעדענסארטען; 3) פארגלייכעגישען 4) ווינשעגישען, ברכות און שבועות; 5) קללות און חרמות; 6) פאלקס־סימנים, גלויבענס, סגולות און זאבאבאנעס; 7) ווערטלעך וועגן שטעט, שטעטלעך און לענדער. אין משך פון דרוקען זיינען צוגעקומען הוספות צו די שפריכווערטער, ווערטלעך און רעדענסארטען, און דער זאמלער האט דעריבער די דאזיגע אפטיילונגען איבערגעחזרט. ער האט געשפירט, אז כדי צו פארלייכטערן דעם פארשער פון דער פאלקס־פסיכאלאגיע, פונם פאלקס לעבענס־פילאסאפיע, כאראקטער און מאראל, וואלט בעסער געווען צו דיספאנירען דעם מאטעריאל אין קאפיטלעך לויטן געהעריגען אינהאלט, אבער ער האט קודם כל געוואלט פארלייכטערן די ארבעט דעם ווייטערדיגען זאמלער און האט דעם מאטעריאל פארטיילט לויט די גרונדווערטער אדער שלאגווערטער.

דער מחבר אליין ווייס, אז זיין ווערק האט ניט דערגרייכט די געהעריגע שלימות, און ער פרעטענדירט ניט דערויף. די פאלקס־שאפונג איז א קאלאסאל־גרויסע, א קוואל ניט אויסצושעפען, די מניעות אין זאמלען זיינען אומגעהויער און די ארבעט איז זעהר א שווערע; ס׳פאדערט א מאסע צייט, געדולד און מאטעריעלע מיטלען. בכן קענען מיר ניט צו שטרענג זיין צו

די אומפארמיידליכע פעלערן, וואס זיינען געמאכט געווארען אויסן נאך ניט גענוג און אפשר ווייניג באארבעטען פעלד פון יידישען פאלקלאר. אדרבא, מיר באוואונדערען גאר די גרויסע אויסטוען פון די פיאנערען אויפן דאזיגען געביט, וואס ש. באסטאמסקי איז איינער פון זיי׳ע א מוטיגער און ענערגישער ארבעטס־מאן אין משך פון יארען. פונדעסטוועגען מוזען מיר אויס־מערקזאם מאכען דעם מחבר אויף געוויסע פעלערן און טעותן, וואס ער וועט געוויס קענען פארריכטען אין א צווייטער אויפלאגע.

קודם כל וואלט זיך אין די אויגען די אויסערסט שלעכטע קארעקטור. די גרייזען וועלען דא, פארשטייט זיך, ניט אויסגערעכענט ווערען. דאך דארף אנגעוויזען ווערען אויף א גרייז, וואס קען לייכט אריבער אויך אין דער צווייטער אויפלאגע: זייט 2 אפוואן בעל צדקה אין מראה מקום: זעה בערנשטיין „קמצן", דארף זיין „קבצן" מיט א „ב".

ווייטער: דער מחבר אליין אין דער הקדמה האט צווישען אנדערען געפונען פאר נויטיג צו ערקלערען, אז „אויף די יידישע שפריכווערטער האט געהאט א גרויסע ווירקונג די אלטע ביבלישע און תלמודישע ליטעראטור"; אז „א טייל שפריכווערטער האט דאס פאלק פון דארט גענומען פארטיגערהייט, נאר איבערזעצענדיג זיי אין דער לעבעדיגער שפראך, פאר אנדערע ווידער האט דאס פאלק בלויז אויסגענוצט די מאטיווען פון תנ"ך און תלמוד"; אז „א סך שפריכווערטער שטאמען אויך פון די שכנישע פעלקער" און אז ס׳זיינען פאראן אויך ווערטלעך, וואס זיינען גענומען ביי די באליבטע שרייבער, ווי א. מ. דיק, שלום עליכם און אנדערע. בכן האט ער געדארפט אויך אין דעם פרט נעמען פאר א מוסטער איגנאץ בערנשטיין, וואס וויזט אלעמאל געטריי אן, פונוואנען עס שטאמט דער אדער יענער שפריכווארט, דער אדער יענער ווערטעל. די יידישע געשיכטע האט זיך דאך ניט פון היינט און ניט פון נעכטען אנגעהויבען,—בכן איז אונז נויטווענדיג צו וויסען די אנטוויקלונג פון אונזער פאלקספסיכאלאגיע, דעם פאלקס לעבענס־פילא־סאפיע און מאראל, וויסען די דינאמיק ווי די סטאטיק פון זיין כאראקטער. אחוץ די וואריאנטען, איז נאך אויפן מחבר געלעגען פשוט א חוב אנצווייזען די אלטע יידישע מקורים, ווי בכלל די מקורים. פאר־גלייכט דאך אונזער מחבר מיטן רוסישען, למשל, דעם שפריכווארט: „מ׳דערקענט דעם מענטשען נאכן גאנג נאך"—„По платью встречают" (3

און שפריכווערטער, וואס שטאמען פון גאנץ אוראלטע יידישע מקורים און פון די שכנים, האבען מיר זעהר א סך. ס׳איז פשוט נויטווענדיג צו דערווייזען דאס מיט דער ווייטערדיגער קאלעקציע צופעליג ארויסגעכאפטע ביישפילען:

„א גנב פון א גנב איז פטור"—הגנב מן הגנב פטור; „דער דלות פארשטעלט דעם שכל"—העניות מוציאה את האדם מדעתו; „דער דלות שלעפט זיך נאך נאכן ארימאן" (ז. 3)—בתר עניא אזלא עניותא. „זיפצען און קרעכצען צעברעכען א האלבען גוף פון דעם מענשען" (ז. 4)—אנחות משברות חצי גופו של אדם. „פון א גוטען פריינד די קלענסטע רעה קרענקט מער ווי פון א שונא די גרעסטע" (ז. 9),—פון א משל אין תלמוד און מדרש. „פון א שונא קען מען זיך אליין פארהיטען, פון א גוטען פריינד זאל גאט באהיטען", און „גאט באהיט מיך פון מיינע גוטע פריינד, פון מיינע שונאים וועל איך מיך שוין אליין פארהיטען (דארטען),—זיינען איבערפרא־זירונגען פון בר־כוכבא׳ס א ווערטעל. „מיטן צונג קען מען אלץ מאכען" (דארטען)—מות וחיים ביד לשון (משלי). „ווער ס׳האט קיין רחמנות ניט אויף יענעם, האט קיין רחמנות ניט אויף זיך" (ז. 10)—התמלאו רחמים אלו על אלו, והקדוש ברוך הוא מתמלא רחמים,—אגב, אומגעקערטער וואריאנט ביי בערנשטיין, וואס גיט אויך דעם מראה מקום. „ווי מ׳קען ניט לעבען מיט געוואלד, אזוי קען מען ניט שטארבען מיט געוואלד" (ז. 10),—בעל כרחך אתה חי, בעל כרחך אתה מת. „ווי דער צער, אזוי דער שכר"—לפום צערא אגרא. „פון א שמחה ווערט מען פעט" (ז. 10),—שמועה טובה תדשן עצם,—און אומגעקערטע איבערפראזירונג: פון צער ווערט דאס ביינדעל דאר (ז. 12). „וואו עס זיינען ניטא קיין מענטשען, זיי דו דער מענטש" (ז. 12)—במקום שאין אנשים השתדל להיות איש. „אז גאט גיט לעבען, גיט ער צום לעבען;" „אז גאט גיט ברויט, גיט ער צום ברויט" (ז. 117),—איז דאס זעלביגע, וואס: מאן דיהיב חיי יהיב מזוני.

און אזוי אן א שיעור.

אויך אסך „רעדענסארטען" זיינען גענומען פון העברעאיש, למשל: „פארקויפען פאר א טאפ לינזען" (ז. 26); „ניט איך וויל די בין (דעם ביס), ניט איך וויל די האניג" (דארטען)— לא מעוקצך ולא מדובשך. אגב איז די דאזיגע לעצטע „רעדענסארט", לפי מיין מיינונג, ניט קיין רעדענסארט, נאר א שפריכווארט.

ווייטער זיינען דא „שפריכווערטער", וואס זיינען ניט קיין יידישע, למשל: „מיט איין שוועבעלע קען מען פארברענען א גאנצע שטאט" (ז. 10)— От одной спички Москва сгорела אדער דער ניט פאלקסטימליך און אפילו אומגעלומפערט איבערזעצטער „שפריכווארט": „גיב דעם רשע טרינקען פון זיינע/זינד, וועט ער אוועק פון דער וועלט געשווינד" (דארטען), וואס שטאמט, דאכט זיך, גאר פון דייטש; אדער דאס שוואביש ווערטעל: „אויבען פיקס, אונטען ניקס" (ז. 13).

אחוץ דעם, צווייפעל איך שטארק, צי דער אנטיסעמיטישער „שפריכווארט": „ווייז א יידען א פינגער, בעט ער די גאנצע האנט" (ז. 118), וואס איז איבערגעפראזירט געווארען פונם אינטערנאציאנאלען שפריכווארט: „גיב דעם שד א פינגער, כאפט ער די גאנצע האנט",—צי ער איז טאקע באמת א „פאלקסטימליכער" „שפריכווארט".

איצט וועגען וואריאנטען. צום באדויערען האב איך ניט ביי זיך די פאלקלאריסטישע זאמלונגען פון ספעקטאר, פיראזשניקאוו, דרויאנאוו און אנדערע, כדי צו קענען נאכזעהן, צי זיינען דא ניטא קיין וואריאנטען אדער איבערחזרונגען. וואס איז שייך בערנשטיינען, האב איך געפונען ניט ווייניג הן וואריאנטען הן איבערחזרונגען; אט זיינען אייניגע פון זיי:

דער שפריכווארט: „די וועלט איז אויך א וועלט" (ז. 4) איז שוין דא ביי בערנשטיינען (ז. 93). „אז מען כאפט, גיט מען איבער די הענט" (ז. 5),—וואריאנט בערנשטיין (ז. 102). „פון צוויי קעכינס קומט ארויס דאס עסען אדער געזאלצען אדער גאר אן זאלץ" (ז. 10),—ווארי. בער. (ז. 246). „וועמען ס'טוט וויי, דער שרייט" (ז. 11),—ווארי. בער. (ז. 289). די פאראדיע: „וואו תורה דארט איז קראכמאל",—ווארי. בער. (ז. 292). „ווי דו זאלסט ניט ווארפען דעם שטעקען, האט ער אלץ צוויי עקען" (ז. 10),—האט א וואריאנט אויף ז. 119, און דער מחבר האט עס געדארפט אנמערקען.

אין דעם שפריכווארט אדער גיכער וויץ: „אז דער טאטע איז א לץ, איז דער זון א פאדלעץ" (ז. 5), האט דאס לעצטע ווארט געדארפט זיין צעטיילט דורך א מקף אויף צוויי טראפען אזוי: פאד-לץ, און דאן וואלט זיך ערשט געפילט די שארפזיניקייט זיינע.

– זעהר אינטערעסאנט און וויכטיג פאר דער ווייטערדיגער אנטוויקלונג פון דעם פאלקסטימליך-ליטערארישען לשון איז די אפטיילונג „ווערטלעך, גלייכווערטלעך און רעדענסארטען", די גרעסטע אין בוך (66 עמודים פון 120). דא האבען מיר אן עשירות פון זאפטיגע, בונטפארביגע, בילדערישע און פריש-קלינגענדיגע, לאקאנישע און צילטרעפענדיגע זעצלעך, ווערטלעך און רעדענסארטען, כאראקטעריסטישע אופנים פון אויסדרוקען, וואס זיינען אונז אזוי באקאנט, אז מיר פארטראכטען זיך גאר קיינמאל ניט וועגען זיי, הגם מיר געברויכען זיי אליין אויף שריט און טריט, און דאך אזוי ניי און פריש אין דער קאלעקציע. אמת, ניט זעלטען טרעפען מיר צווישן זיי אויך גראבע ווערטלעך, וואס קיינער וועט זיי ממילא קיינמאל ניט שרייבען און וואס זיינען פאסיג בלויז אין א ספעציעלען בוך פון קלאסען-שיכטען-און גרופען-פאלקלאר, ניט אין אן אלגעמיינעם בוך, וואס וויל ווייזען דעם „קוואל" פון פאלקס-גייסט. ווי דער שפריכווארט אויף זייט 118 אפוץ „חינטשען", אזוי אויך די צוויי רעדענסארטען אויף זייט 19 און אנדערע, זיינען ניט מעלה און ניט מוריד און זיינען אן איבעריגער עלעמענט אין בוך.

אגב, דאס ווערטל: עס בייסט אים דער האבער (ז. 26) איז ניט ריכטיג; מ'זאגט און מ'דארף זאגען: עס שטעכט אים דער האבער", דאס ווערטעל: „דארפסט האבען, שיק נאך דער באבען" חזרט זיך איבער אויף ז. 32 און 34.

אין דער אפטיילונג „קללות און חרמות" איז דא א קללה: „זיצען (ליגען, שטיין) א

קאלויסע" (ז. 94) און אין קלאמערען ווערט פארטייטשט—„צעזעצט ווערען". אין פשט איז לחלוטין א טעות. „אקאלויסע" באטייט „עד כלותו", דאס הייסט ביזן ענדיגען זיך, ביזן אומקו־מען. אין באלטישען קאנט זאגט מען טאקע ארויס קלאר און דייטליך „עד פלותו". אין דער קללה: גיין כף הקל (ז. 95) האט געדארפט אנגעוויזען ווערען, אז „הקל" איז פארקירצט פון „הקלע"; דער סגל פלעגט פארצייטען ארויסגערעדט ווערען פמעט ווי א פתח. ביי דער קללה: „אויף שטיינער געזאגט געווארען" (ז. 95) וואלט געדארפט געגעבען ווערען אן ערקלערונג פונם ווערטעל: „מ'שטיינס געזאגט" אדער „אום שטיינס געזאגט". ווייטער דארף מען שרייבען ניט „ניכפע" (ז. 96 און 98), נאר „ניכפה" מיט א ה' צום סוף, איינמאל שרייבט נאך דער מחבר אלע פאלקסטימליכע העברעאישע ווערטער, אויסער דעם „פראלעטאריזירטען" „בעל־הבית" („באלע־באס"), מיט דער „אלטער" ארטאגראפיע.

ניט געקוקט אויף די אלע מעלערען און גרייזען פון בוך, וואס קענען גאנץ לייכט פארריכט ווערען אין א צווייטער אויפלאגע, איז ש. באסטאמסקיס „ביים קוואל" באמת א שיין ווערק, אן אוצר פון פאלקשאפונג, וואס וועט ברענגען א סך נוצען דעם עטנאגראפישען, היסטארישען און פאלקס־פסיכאלאגישען פארשער, דעם לערער און די תלמידים פון דער נייער יידישער שול, דעם שריפטשטעלער און דעם ליבהאבער פון דער יידישער ליטעראטור.

א. י. גאלדשמידט.

---

## ביכער, וואס זיינען אנגעקומען אין רעדאקציע.

א י י ז י ק ה י ר ש ו ו י י ס. די גרינדער און בויער פון יידענטום (דור דור ודורשיו) אדער די געשיכטע פון דער תורה שבעל פה. ערשטע סעריע: פון גאר דער ערשטער צייט ביז חורבן בית שני. אין צוויי ביכער. בוך א. איבערזעצט פון א. א. רובענטשיק. ארויסגעגעבען פון פארלאג אידיש, ניו־יארק. תרפא—1921. פראכטפול געבונדען. זייטען 422.

ד. ד ר ו ק. צו דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע (אין רוסלאנד און פוילען). פארלאג „זכרונות", ווארשע, 1920. ז. 147.

ד ו ד א י ג נ א ט א ו. וואונדער־מעשיות פון אלטען פראג. באצירט פון ב. קאפמאן. פארלאג „אמעריקא", ניו־יארק, 1920. פראכטפול געבונדען. ז. 231.

ש. ג א ר ע ל י ק. יידישע קעפ. (גרעץ, ביקאנספילד, מיקאעלי, ספינאזא, בראנדעס, היינע, מענדעלי, שלום־עליכם, פרץ, דינעזאן, אש, ווייטער, לעוויטאן). פארלאג „וואסטאק". דרעזדען. 1921. ז. 132.

ק א ר ל ג ו צ ק א ו. אוריאל אקאסטא. טראגעדיע אין פינף אקטען. יידיש פון אברהם מארעווסקי. פארלאג „ברידער לעווין־עפשטיין און שותפים", ווארשא, תרפ"א. ז. 128.

א ב ר ה ם ז א ק. צווישען פיר ווענט. לידער. ווארשא 1920. ז. 187.

מ ל ך ר א וו י ט ש. שפינאזא. פאעטישער פרוב. אילוסטרירט. צווייטע פארענדערטע אויסגאבע. פארלאג „דער קוואל", ווין. קאאפעראטיווע אפטיילונג „קריטיק". 1921. ז. 82.

ד ו ד ק ע נ י ג ס ב ע ר ג. הונדערט סאנעטען. פארלאג „דער קוואל", ווין. אפטיילונג „קריטיק". תרפ"א. ז. 106.

מ ל ך כ מ י ע ל נ י צ ק י. אויף א שטילע סטעשקע. לידער. פארל. „דער קוואל" ווין, 1921 ז. 71.

י ו ס ף ל ע וו י. פרומע געזאנגען און אנדערע לידער. פארל. „דער קוואל" תר"פ. ז. 44.

ב ע ר ה א ר א וו י ץ. פון מיין היים אין די בערג. פארלאג „דער קוואל", ווין ז. 60.

ש מ ו א ל י ע ק ב א י מ ב ע ר. וואלד אויס, וואלד איין... לידער, פארל. „נײלאנד", ווין ז. 1.

ש מ ו א ל י ע ק ב א י מ ב ע ר. וויקטאריא. (אקארדען צו קנוט האמסינס דערציילונג). פארלאג „נײלאנד", ווין. 1920. ז. 38.

ר י נ ג ע ן: העפט 11. ארויסגעבער: מיכאל וויכערט און א. קאציזנע. ווארשע 1921 ז. 40.

ד י פ ע ד ע ר: מאנאטליכער זשורנאל פאר ליטעראטור, קריטיק און קונסט. ארויסגעגעבען פון דער גרופע „ליטעראטען קאלעגען", רעדאקטירט פון אהרן קאר לין. צווייטער יארגאנג. נום 2—3, ניו־יארק. יאנואר־פעברואר 1921. ז. 32.

Liet. TSR Knygų Rūmų Knygų Saugykla

37822

ייוואָ ווילנע לאַגער

# קינסטלערישע כראניק.

דעם 27 מארט איז אין וואַרשעווער טעאַטער „עליזעאום“ ביי דער ווילנער טרופּע דורכגעפירט געוואָרען די צווייטע פּרעמיערע אין דעם ווינטער־סעזאָן.

ס׳איז געשטעלט געוואָרען: „דער זינדיקער“—דראַמאַטישער עטיוד און „אמנון און תמר“—אַ דראַמאַטישע ליד אין זעקס געזאַנגען פון ש. אַש.

ביידע זאַכען זיינען אויפגעפירט און רעזשיסירט געוואָרען דורך מ. עלקין. מוזיק, ספּעציעל פאַר „אמנון און תמר“, האָט קאָמפּאָנירט ה׳ סליאָסבערג, טענץ—אָרגאַניזירט דורך פּראָפעסאָר לאָבאָיקאָ, דעקאָראַציעס, קאָסטיומען און רעקוויזיטען האָבען אָנגעפּאַרטיגט די קינסטלער מ. האַנעמאַן און ל. קאַדיסאָן. „אמנון און תמר“ ווערט געשפּילט ביי באַגלייטונג פון מוזיק. מיטן אָרקעסטער האָט אָנגעפירט דער געוועזענער דירעקטאָר פון „פילהאַרמאָניע“ ה׳ ניעטופּסקי.

די אויפפירונג האָט אַרויסגערופען אַ טומעל און קריטיק אין דער וואַרשעווער יידישער און יידיש־פּוילישער פּרעסע, עס זיינען פאָרגעקומען ויכּוחים און חילוקי דעות, נאָר ס׳איז אַלגעמיין אַנערקענט געוואָרען, אַז דאָס איז לחלוטין אַ נייע ערשיינונג אויף דער יידישער בינע און אַ גאַנץ ניי וואָרט אין דער יידישער טעאַטער־קונסט.

אַן אויספירליכען אַרטיקעל וועגען „אמנון ותמר“ וועלען מיר געבען אין קומענדיגען העפט „לעבען“.

*

סוף פאַריגען חודש איז אין לאָדז אויפגעפירט געוואָרען דורך ה׳ דוד הערמאַן „דער דבוק“ פון ש. אַנ—סקי.

אויפגעפירט האָט ער עס ביי דער טרופּע פון ה׳ צעלמייסטער.

אַלס דעקאָראַטאָר האָט אָנטייל גענומען דער קינסטלער ברוינער.

ווי די צייטונגען גיבען איבער, האָט די אויפפירונג געהאַט ערפאָלג, הגם דאָס שפּילען איז געוועזן באַזונדערס ניט באַפרידיגענד.

*

ווי מען גיט איבער, פאָרט די ווילנער טרופּע אַרויס אויף גאַסטראָלען און וועט אויך באַזוכען ווילנע, וואו זי וועט אויפפירען דעם „דבוק“ און „אמנון און תמר“. מעגליך, אַז די טרופּע וועט בלייבען אַ לייגגערע צייט אין ווילנע און וועט מאַכען אַ פאָרבאַרייטונג צום נייעם ווינטער־סעזאָן. אין רעפּערטואַר פון נייעם סעזאָן זאָלען זיין אָנגעמערקט פאָלגענדע פּיעסען: אוריאל אַקאָסטאַ, שבתאי צבי, נתן החכם און איין פּיעסע אַ מאָדערנע (איבסען, מעטערלינק). אויך זאָל באַנייט ווערען „דער וואָס קריגט די פּעטש“ און „דער שטומער“.

*

ניט לאַנג האָט אַ פירמע אָפּגעקויפט ביי די אַפּוטרופּסים פון אַנ—סקי׳ס ירושה אויף דריי יאָר דאָס מאָנאָפּאָל־רעכט צו אויפפירען דעם „דבוק“ אויף אַ פילם פאַרן קינעמאַטאָגראַף. צוזאַמענשטעלען אַ סצענאַריוס איז איבערגעגעבען געוואָרען אַ באַוואוסטען דיכטער און עס ווערען ־עפירט אונטערהאַנדלונגען מיט רעזשיסאָרען וועגען באַלדיגען צוטרעטען די זאַך צו ־אַרווירקליכען. די פירמע האָט בדעה בכלל זיך פאַרנעמען אויסשליסליך מיט יידישע קינאָ־ ־ילמען, איבערהויפּט היסטאָרישע.

---

־ו דער הערה זייט 44.

עס זעצט זיך און וועט אינגיכען איבערגעגעבען ווערען צום דרוק אַ ניי ווערק פון ־ח פּרילוצקי (אַנ׳ערך 20 דרוקבויגען): „ד אָ ס ג ע ו ו ע ט“, „דיאַלאָגען וועגען שפּראַך און ־ולטור“. אין דעם בוך ווערט אין פאָרם פון אַ פּאָפּולערען שמועס צווישען אַ יידישען שפּראַכ־ ־אָרשער מיט אַ יידישען שפּראַכליבהאָבער באַהאַנדעלט די פראַגע פון די פרעמדע עלעמענטען אין דער ־ידישער שפּראַך. די וויסענשאַפטליכע דערקלערונגען ווערען געגעבען אין אָנמערקונגען סוף־בוך.

ר ע ד אַ ק צ י ע:

מ. שאליט, ווילנע, וועננלאווא 12, וו. 24.

---

הויפּטפּאַרקויף:

פאַרלאַג ש. שרעבערק, ווילנע, רודניצקער 16.

דרוקעריי בר. ראָזענטאַל, ווילנע, רודניצקער 7.

Drukarnia Br. Rosental, Wilno, Radnicka ul. 7.